144

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 146) דרייצנטער יאָרגאַנג מערץ 1952 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט

ווייטשעפּל גיט אָפּ כבוד דעם געשטאָרבענעם קעניג דזשאָרדזש דעם
זעקסטן. גאָד סייוו דהי קווין.......................... ** 1
מיניאַטורן.............................. ש. טענענבוים 3
וואָס קלאַגסטו נאַר (ליד)..................... אברהם פנחס ציקערט 6
בלעטלעך פון מיין שאַנכייער טאָגבוך................... י. ראַפּאַפּאָרט 7
פּרשה נמרוד (פּאָעמע)........................... אברהם לעוו 11
שאָקאַלן ווייַנען (ליד)........................... יוסף פּערלשטיין 12
דער דיכטער פון בענקשאַפט (וועגן ישראל אַשנדאָרפס בוך).. א. מ. קייזער 13
פון אונזערע ליטעראַרישע אור־איניקלעך (צום דערשיינען פון יהודה
ביַעטש'ס בוך „שיידוועגן") ..................... אייזיק גאָלדבערג 16
פּאַמאַכעט אַ כעלעמער פּאָעט (פראַגמענט)................ שמואל ווהייט 19
מאַסקעס (לידער, וואַריאַציעס לכבוד פּורים)............ א. נ. שטענצל 21
שעפּסן (אַ פּורים־פעליעטאָן אין גראַמען)............... אליהו פּאַלושאַק 25
משה עובד'ס אויסשטעלונג........................... י. ל. פּיין 28
דער האַרכער — סקולפּטור........................... משה עובד 31
דאָס דענישע פאָלק ברענגט די ייִדן אין זיכערקייט קיין שוועדן
יוסף אייזענבערג 32
לכבוד פּורים, לכבוד רייזינס יובל. קינסטלער און אַקטיאָרן.......... ש. 38
זעלבסט־פּאָרטרעט (בילד)......................... אַלפרעד וואָלמאַרק 43
שמחת תורה (בילד)............................ איווּאַ פראַנקפורטער 44
עטלעכע ווערטער וועגן פּרי'ן (פון אַ פּאָרטראַג).......... מ. ווילענסקי 45
אַ באַנקעט פאַר באַגרינדער פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט (באַריכט).... יוסף אייז 46
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס.................. 48

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

אַבאָנענט־פּרייז 19/6— פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד 5— דאָלאַר אַ יאָר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Jewels by Sah* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

# LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

# IDEAL TRIMMINGS LTD.

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1
*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## פריינט פון יידיש לשון, לאנדאן, ענגלאנד

פרעזידענט: משה עובד — סעקרעטאר: א. נ. שטענצל

## א ווארט קאנצערט

שפיל רעציטאציעס און געזאנג פונם באוווסטן ישראל־ארטיסט און לייטער פון דער דראמ. אפטיילונג פאר יוגנט אין „קול ישראל“

**אליהו גאלדענבערג**

**שבת, דעם 22-טן מערץ, אום 7.30 אוונט**

**אין דער טאינבי האל, קאמערשעל סטריט, א.1.**

פיאנא באגלייטונג: יואל זילבערבערג.

„פריינט פון יידיש לשון“, לייענער פון „לשון און לעבן“ און אלע ליבהאבער פון יידישן ווארט, נוצט אויס דעם אוונט צו הערן און זען א גרויסן קינסטלער.

דער ישראל קאנסול אין לאנדאן, מר. פרץ לשם, וועט פארשטעלן דעם קינסטלער פארן עולם אין טאינבי האל.

## א וויכטיקע ידיעה

אין דער וועסט ענד האט זיך געבילדעט אן ארטיקער קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“, אין וועלכן עס גייען אריין: פריינט שלמה לעמעל אלס פארזיצער, אברהם מאסקווע אלס סעקרעטאר; קאסירער: איטשע פייגענבלאט. אנדערע קאמיטעט־מיטגלידער זיינען: שמעון פערסט, משה איזשביצקי, לואיס ביילי און אנדערע.

דער ערשטער ארויסטריט וועט זיין א רייכער ליטעראריש־ער נאכמיטאג חוה״מ פסח, זונטיק, דעם 13־טן אפריל, 4 אזייגער נאכמיטאג, מיט דער באטייליקונג פון אליהו גאלדענבערג, א. נ. שטענצל, משה עובד און אנדערע, אין דער גרויסער האל פון דער דיען סטריט שול, סאהא, וו.1.

דער ארט־קאמיטעט פון דער וועסט ענד וועט ארבעטן לויט די דירעקטיוון פון „פריינט פון יידיש לשון“, לאנדאן־ווייטשעפל.

דעם פארזיץ אויף דעם ערשטן ארויסטריט וועט פירן י. ל. פיין.

אין אלע ענינים, אנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אדרעס פון אונזער סעקרעטאר:

A. RUBIN, 17 Putney Road, Enfield, Middlesex

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 146) — דרייצנטער יארגאנג — מערץ 1952 לאנדאן

## ווייטשעפל גיט אפ כבוד דעם געשטארבענעם קעניג דזשארדזש דעם זעקסטן

נאך איידער מען האט געהערט דעם ערשטן שאס, דעם געגעבענעם סימן פאר די צוויי מינוט שווייגן צו ערן דעם טויטן קעניג, זיינען שוין די מענטשן שטיל געבליבן שטיין אויף די טראטוארן און געווארט. איבער די „סטראגאנעס“, איבער די „בערעס“, איבער די מארק־טישלעך, האבן שוין די ווייטשעפל־הענדלער פארצויגן דעקעס, קאלדרעס, פלאכטעס און זעק איבער זייער אויבסט־און פיש־סחורה; אז מען זאל די וואכעדיקייט נישט ארויסזען.

פאר די געשעפטן האבן זיך די ראלעטן אראפגעלאזן און די סוחרים האבן זיך געשטעלט פאר די פארמאכטע געוועלב־טירן.

דער מאן פארן בלומען־בידל האט זיינע בלומען נישט פארהאנגען, מסתם ווייל ער האט געטראכט: בלומען געהערן דאך צו א לויה, מיט בלומען־בוקעטן און מיט קרענץ באגלייט מען דאך א נפטר... זיין טרויעריק פנים, שטייענדיק אזוי ערנסט פאר זיין בלומען־בידל, האט אויך געמאכט דעם איינדרוק פון א מלווה: אט שטייט ער פאר א קראנץ, אן אויסגעקליבענער פון די אלע וואס שטייען דא שטיל אים צו לייגן אויפן קעניגלעכן קבר, ווען ס׳וועט פאלן דער באפעל . . .

מען איז געשטאנען שטיל און געקוקט אויפן גרויסן „לאנדאן האספיטאל“־זייגער. אבער די רגע׳ס ביז צום שאס האבן געדויערט; עפעס ווי די ווייזערס וואלטן אויך שטיל געווארן און שטיין געבליבן.

אויפן ברייטן פארקער־וועג אינמיטן גאס, צווישן די ברייטע שטילע טראטוארן, האט דאס געיעג פון די באסעס, אמניבוסן און קארס, אויסגעזען ווי זיי וואלטן נאך פלינקער געיאגט; זיי יאגן זיך אנצוקומען אין צייט, נישט צו מאכן קיין „שטאך“ אין דער דערוואַרטעטער שבתדיקער מנוחה שטילקייט —

טאקסיס פארן צו צו זייטן־געסלעך, שטעלן זיך אפ ביי די טראטוארן, אבער קיינער שטייגט נישט אויס, קיינער שטייגט נישט אריין...

שוין שטייט דער גרויסער ווייזער אויף די 12! די מענטשן ווערן אומגעדולדיק; מען נעמט אראפ די היטלעך; מען הערט א קלאפ אונטער דער ערד,— ווי דער ערשטער שאוול ערד וואלט אויפן ארון ארויפגעשיט געווארן! — די אונטערגרונד־באן האט מיט אימפעט זיך געגעבן א שטעל אפ אינמיטן איר פלינקן רוישיקן געיעג — — —

מען הערט דעם ערשטן שאס! דער פארקער אינמיטן וועג שטעלט זיך ראפטים אפ. אין דער רגע! די שטיל־שטייענדיקע מענטשן לאזן די קעפ אראפ — עפעס זעען זיי פאר זייערע אויגן און מיט ערנסט און ערבארקייט בויגן זיי דערפאר זייערע אנטבלויזטע קעפ — —

עס רוט א פייערלעכע שטילקייט אויף דער תמיד אזוי וואכעדיקער און רוישבדיקער גאס. אן ערנסטקייט איבער אלע פנימער. דער גאנצער ארום איז שטיל; א מאיעסטעטישע שטילקייט, א יראת הכבוד — דאס פאלק איז זיך געטריי! עס בלייבט תמיד דאס זעלבע: עס האט נויטיק געזאלבטקייט, דערהויבנקייט, העכערס איבער זיך — איינעם פון זיך דערהויבן איבער אלע! עס האט נויטיק, אפנים, צו האבן וועמען אלצדינג צו קענען לייגן פאר זיינע פיס, אלץ אים אפגעבן, דעם גרעסטן כבוד־מלכים וואס איז נאר מעגלעך.

* * *

געוואלטיק איז א לויה־צערעמאניע, א פאראדע אויפפירונג פון שעה'ן, אין וועלכער די קירכע, די מלוכה, די גאנצע אימפעריע, ווו אלע ראנגען און גרויסע פונם לאנד און פון דער גארער וועלט באטייליקן זיך אין איר; ווו רעפעטיציעס מוזן געמאכט ווערן טעג צופריער, כדי אפצוהיטן יעדע צערעמאניאלע קלייניקייט און יעדן אויסגערעכנטן ריטועלן פאראדן־טראט, ווו דיפלאמאטן גרויס און קליין ווערן אויסגעשטעלט, ווי די סאלדאטן, אין ריי און שריט.

אבער ווונדערלעכער איז עס געווען צו זען אויף דער ארעמער גאס, ווו אנגעלאפענע פרעמדע, ווו איינגעבוירענע ארעמקייט אויסגעמישט אין בל־ערליי ראסן און קאלירן איבערלעבט אינסטינקטיוו דאס געפיל פון טראדיציע, אפצוגעבן כבוד א געשטארבענעם קעניג — אן יעדער צערעמאניע און פאראד ווערט פארגליווערט דער וואכעדיקער טומל אין א רגע פון הייליקער שטילקייט, פון מאיעסטעטישער מנוחה.

## גאד סייוו דהי קווין

דער נעפל דרויסן הענגט שווער אזוי און פייכט,
ווי ער וואלט אים אויף זיינע וויעס געהאנגען;
און אינם הארצן ציטערט עס פרעמד און ווייט,
א נאנטער וואלט אויף אייביק אוועקגעגאנגען.

פאר זיין פענסטער די קינדער אהיים פון „סקול",
„גאד סייוו דהי קווין" איינחזרנדיק זיי זינגען!
ער דערשלעפט זיך קוים צו, ארויסצוקוקן,
אין זיינע אויערן טויט־גלאקן וואלטן געקלינגען.

אים צו טרייסטן, אפנים, דאקטאר האט געזאגט:
„איר זענט קראנק אויפן זעלבן וואס דער קעניג"...
צוריקגייענדיק צום בעט, שמייכלען זיינע ליפן:
אפילו צום טויט קאן מען מאכן אונטערטעניק — —



ווי עס וואסערט אים זיין אויפגעריסן מויל!
אין עס דער נעפל פון דרויסן, ווערט אים איבל?
מיט פריידיקן זינג־זאנג פון די שול־קינדער
„גאד סייוו דהי קווין" ווערט פול זיין פייכט טונקל שטיבל.
— — — — — — — — — —

גרוילעכע ליילעכער, נאסע צעטריפטע,
עס האט דער דרויסן איבער זיין קאפ צעהאנגען,
דארע פויסטן צאפלען אין דער פינסטער,
לעצטן טראפ אויסדרייען, זיי ווילן דערלאנגען.

---

ש. טענענבוים

## די ליאלקע

היינט ביינאכט, פארנדיק אין סאבוויי, האב איך געזען א מיידל אזוי ווי פון בלייכן אלבאסטער אויסגעשניצט. אזא דינע, אזא איידעלע שניצעריי—ממש דער נאטורס א גאלדענע קונסטווערק. זי איז אפשר ארויס פון א מאלעריי, נאך נאס פון פארבן. א מאלער יאגט זיך נאך איר דורך א האלבער וועלט. זי פעלט אים אין זיין פייכטער מאלעריי. עפעס האט זי אזוי ווי א גאלדשמיד אין שפעטנאכטיקע שטונדן מיט פייער געטאקט. פון גאלד האט ער זי — זיין אידעאל — אויסגעגאסן. אומגלויבלעך איידל, אומגלויבלעך דין. איך ווייס נישט ווי אזוי וועט א מאן זי באנוצן. ער וועט זי צעברעכן. א קוש וועט איר לייד טאן. אזא האט פעטער אלטענבערג, דער ווינער שריפטשטעלער, אין זיין בוך פון קינדער מיידלעך באזונגען. עפעס יאפאנישעס איז אין איר. מיט עפעס כינעזישעס געמישט. מיט כינעזישן פארצעליי. מיט האניק־ברוינע הויט פון אן אינדיאנער פרינצעסין. עפעס איז זי א קליינע, פארלוירענע, פאקאהאנטאס. עטלעכע ראסן האבן זי מיט אינספיראציע ארויסגעבראכט. די שענסטע פרויען זעען אויס העסלעך אין פארגלייך מיט דער צארטער און דער גאלדענער ליאלקע. און זי שווייגט. א ליאלקע אטעמט טיפער. זי איז ווי א קליינע גאלדענע מומיע פון א צארטער, עגיפטישער פרינצעסין. איך פארגין זיך פשוט נישט אויף איר צו קוקן, טאמער טוען איר מיינע אויגן ווי, טאמער שאדטן דעם גאלדענעם קינד מיינע בליקן. זי איז ווי א שטיקל איידל פארצעליין, אויף פארצעלייענע פיסלעך ארויסגעגאנגען פון א פירשט'ס פאלאץ. אין סאבוויי פון ניו יארק — ווי קומט אזא איידעל קינד אהער? זי שעמט זיך אויפצוהויבן אירע אויגן, ווייל זי ווייסט אז אלע באקוקן איר. שאט! אפשר איז זי א קליינער גאלדענער בודא, פון כינע צי פון טהאילאנד — צי גאר זיך אראפגע'גנב'עט פון א טיי־פושקעלע, זיך צעברוגזט מיט דער פרינצעסין און איז אנטלאפן פון דער טיי־דעקאראציע?

סיי ווי, דיך נעמט א ידישער פאעט אריין אין זיין זכרון. זיי נישט בייז וואס ער שרייבט דיך אן. פון דעם ווירקלעכן לעבן נעמט ער דיך ארויס און באשרייבט דיך אויף אזא אופן ווי דו וואלסט געווען אן אויסגעטראכטע.

# די באָרפוסע שיינקייטן

איך געדענק די מיידלעך פון פולאַוו. אין זומער פלעגן זיי אַרומגיין באָרפוסע איבער די גאַסן. אין די פּאַרקן פלעגן זיי זיך באַווייזן ווי געהיימניספולע שיינקייטן. הערלעכע יידישע קינדער. אַזוי זיינען אין די איטאַליענישע שטעט אַרומגעגאַנגען באָרפוסע די מאָדעלן פון מאַדאָנאַס, מיט גאָלדענע צעפּ און מיט בלויע אויגן. די רענעסאַנס־קינסטלער פלעגן זיי דערזען צווישן די געדיכטע מאַסן מענטשן אין רוים, פלאָרענץ, נעאַפּאַל, און ווערן אָנגעצונדן פון באַגייסטערונג.

איך געדענק איין פרימאָרגן אין פולאַוו. איך בין געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער איבער די קעניגלעכע אַלייען. איך האָב געטראַכט ווי אַזוי מען שרייבט אַן אַ שיין ליד. די פייגל האָבן געזונגען ווי אין אַ קאָסמישער אָפּערע. די בלומען זיינען געווען גרויס ווי די פלאַמען. איך האָב געזוכט אין דער וועלט פון אַבסטראַקציע אַ ליד־טעמע. און דאָ פלוצלינג דערשיינט דאָס מיידל עדנאַ אַ באָרפוסע. אירע נאַקעטע, גאָלדענע פיס טרעטן ווייך אינם פלושענעם, שטויביקן זאַמד. און אַזוי ווי זי גייט, דאַכט זיך מיר אַז עס גייט אַ קליינע געטין אויף דער פוילישער ערד. ווען זי גייט אַוועק, ווען זי ווערט פאַרשוווּנדן, גיי איך נאָך די טריט וואָס אירע הייליקע פיס האָבן געמאַכט אינם זאַמד. זי זעט נישט ווי איך בויג זיך אַראָפּ און קוש די צייכנס פון אירע פיס. איך קוש זיי מיט טרערן. צו דער גאָלדענער שיינקייט אַליין האָב איך נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן...

און דאָ ווו זי איז געגאַנגען, אין דער לופט האָב איך געשפּירט דעם פאַרפיום פון איר עקזיסטענץ... די אַראָמאַ פון איר גוף, וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך אַ זיסקייט און אַ פאַרפיומיקייט...

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און בלינדערהייט, אַ פאַרליבטער אין דער שיינקייט, בין איך איר נאָכגעגאַנגען...

אונזערע שטעטלדיקע שיינקייטן זיינען אַרומגעגאַנגען באָרפוס און זיי זיינען געווען אַזוי שטראַלנדיק שיין...

## דער דאָקטאָר און די שיינע דאַמע

עס איז מיר געבליבן אין זכרון אַ מאָלעריי וואָס איך האָב געזען אַלס קליין יינגעל. ס'האָט געהייסן „די אָפּעראַציע". אַ דאָקטאָר אָפּערירט אַ פרוי... ער זעט נישט די שיינקייט פון דעם פרויען־גוף. ער איז פאַרנומען מיט דער אָפּעראַציע. זיין קאַלט, שאַרף מעסער באַוועגט זיך צווישן אָדערן, אַרטעריעס און לאַבירינטן פון איר בלוטנדיק פלייש. דער דאָקטאָר איז קאָנצענטרירט מיט איין פונקט פון איר קערפּער.

אָבער אויפן אָפּעראַציע־טיש ליגט אַ וווּנדערשיינע פרוי. איך געדענק איר שלאַנקן קערפּער. ביז צום ברעג פונם טיש גרייכן אירע שיינע פיס. דער וואָס האָט געמאָלן די סצענע, איז געווען פאַרליבט אין דער פרוי'ס מאַרמאָרנער פאָרם. אפילו אויף איר שמערצפולן פנים איז פאַראַן אַ שמייכל. די האָר אירע זיינען ווי אַ גאָלד־שטראָם צעוואָרפן אויפן בעט, אַזוי ווי די זון וואָלט פאַרגאַנגען און צעוואָרפן איר רייך גאָלד אַרום... זי שלאָפט אונטער עטער, די



שמערצפולע שיינקייט. דורכן פענצטער לייכט אַריין די זון. פאַסן ליכט פאַלן אויף דער פרוי'ס געטאָקטע בריסט, אויף אירע לאַנגע, זילבערנע אָרעמס... אויף איר איידעלן געפאָרעמטן בויך...

שוין אַ סך יאָרן דערינען. נאָר אין זכרון איז געבליבן די מאָלעריי אין איר גאַנצער שוידער און שיינקייט. איך פלעג ס'רוב מישן די בלעטער פונם אַלטן זשורנאַל, ווו די מאָלעריי פלעגט שטראַלן מיט דער שיינקייט פון אַ פרוי, בשעת דער דאָקטאָר אָפּערירט איר...

מיין תפלה צו גאָט פלעגט באַשטיין פון פאָלגענדע ווערטער: גאָט, העלף דעם דאָקטאָר צו ראַטעווען די הערלעכע פרוי פון טויט. מאַך אַז די אָפּעראַציע זאָל זיין געלונגען. זאָל די פרוי געזונט ווערן און זיך אויפהויבן פון בעט אַ שטראַלנדיקע, אַ געזונטע. גאָט אַלמעכטיקער, איך דאַנק דיר...

## די צייט ערב אַן אָפּעראַציע

איך פלעג זען ס. ערב אַן אָפּעראַציע. יעדע שטונדע האָט פאַר אים געציילט. ער פלעגט זיך גרייטן צו דער אָפּעראַציע אַזוי ווי צו אַ ווייטע רייזע. ער האָט אַלץ פאַרפּאַקט, האָט אַלע זאַכן אַדרעסירט, האָט גרייט געהאַט זיין צוואה, האָט געמאַכט אָרדנונג אין זיין לעבן. האָט געוואַלטיק פיל אָפּגעטון אין אַ קורצער צייט. האָט מיט אַלעמען גערעדט און זיך געזעגנט. האָט אויספאַרענדיקט זיינע שריפטן און מאָלערייען.

איך האָב אַ סך געזען און געלערנט ווי אַזוי מענטשן נוצן אויס צייט ערב אַן אָפּעראַציע. ווען מענטשן וואָלטן מיט אַזאַ ערנסט און ענערגיע געאַרבעט אין זייער לעבן, וואָלטן אויפגעשטעלט געוואָרן געוואַלטיקע וועלטן פון גערעכטיקייט. דער מענטש וואָלט קיין צייט נישט פאַרלוירן אויף פוסטע זאַכן. עס וואָלט נישט געווען קיין צייט פאַר קיין שנאה, ציניזם און אינטריגע. מענטשלעכע כוונות וואָלטן געווען ריינע.

עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס לעבן זייער גאַנץ לעבן אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צוגרייטן צו אַ ווייטער רייזע, צום טויט...

## אין דיין וווינונג

דו קומסט אַהיים, דיכטער, אין דיין אָרעמען צימער. די ווענט זיינען נאַקעטע און פוסטע. עס נעמט דיך אַרום אַ גרויל פאַר דיין טרויעריק לעבן. אָבער באַלד דערמאָנסטו זיך: נישט אַריינפאַלן אין יאוש. דו ביזט אַ סאָלדאַט וואָס שלאָפט אויפן אייזערנעם בעטל. די ביכער שטייען גרייט פאַר דיר צום שטודיר. די מאַנוסקריפּטן ליגן גרייט פאַר דיר איבערגעשריבן צו ווערן. דער טאָפּ שטייט גרייט כדי אויפצוקאָכן די הייסע קאַווע. דאָס פענצטער — די שטראַלן פון טאָג זאָלן דיך אָנרירן. זיי גרייט צו דער שלאַכט פון לעבן, צו דער מלחמה פון גייסט. דו ביזט אַ סאָלדאַט און דיין מיסיע איז צו קעמפן. דאָס לעבן איז פאַר דיר האַרט און שטייניק. אָבער דיך האָט גאָט אַוועקגעשטעלט אויפן פאָסטן, ווי אַ נביא. דו טאָרסט דיין מיסיע נישט פאַראַטן. טייער און הייליק דאַרף זיין צו דיר דיין ווערק.

**אברהם פנחס ציקערט** (אויסטראַליע)

## וואָס קלאָגסטו נאַר
(פאַר שירלע)

וואָס קלאָגסטו נאַר ? —
דו מיינסט ס׳איז פינצטער דיר אַליין ? !
באַנעם דעם צער
פון הבל׳ס תפילה׳דיק געוויין.

זאָלסט וויסן נאַר,
די וועלט וועט אייביק בלייבן יונג !
טראָג אויס דיין צער
מיט שטומען ניגון אויף דיין צונג.

ס׳איז גאָט דער האַר —
און דו — דיין קנעכטשאַפט־דינסט פיר אויס ! — — —
מיט אויגן שטאַר
דערוואַרט אַן אורח אין דיין הויז.

וואָס וואַרסטו נאַר ? — —
דו ווייסט, ס׳קומט קיינער ניט צו דיר — — —
שטיי אויף און שפּאַר
דיין מידן קאָפּ אָן אויף דיין טיר.

וועט זיין דיין שכר,
דיין קאָפּ באַקרוינט אין שקיעה־זון ;
און שטילער צער
וועט זויגן היילונגס־זאַפט דערפון.
— — — — — — — — —

ס׳איז גאָט דער האַר !
טויט און לעבן — אַלץ איז זיין !
נאַר שטילער צער
טוט ווי אַפילו גאָט אַליין.

## אנאנסירט אין דעם איינציקן יידישן זשורנאַל אין ענגלאַנד



**י. ראַפּאַפּאָרט**

## בלעטלעך פון מיין שאַנכייער טאָגבוך
(המשך)

שאַנכיי, 18־טן דעצ. 1942.

איך לייען לעצטנס מער נ—ן. ער געפעלט מיר אַ סך מער, ווי בעת מיין זיין אין פוילן. די חסרונות זיינע זע איך אויך איצט גאַנץ קלאָר ; אָבער איך זע איצט אויך אַ סך קלאָרער זיינע מעלות. און זיי זענען גאַנץ פיל די דאָזיקע מעלות.

ערשטנס קען ער אַ סך, צווייטנס שרייבט ער לייכט און פשוט (אַ חוץ ווען ער וויל דווקא שפּילן מיט ווערטלעך) און דריטנס פאַרמאָגט ער קולטור (אַ זאַך וואָס פעלט ביי אונז צום מיינסטן).

ריווקינען לייען איך אויך אויף וויפל מען קאָן דאָ באַקומען זשורנאַלן. ער רעדט שרעקלעך פיל ; פלאָנטערט נאָך מער ; קליגלט זיך, יאָגט זיך ווי אַן עקספּרעס, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ ביי קיין שום סטאַנציע. אָבער ער זעט אָפּטמאָל, דער דאָזיקער ייד, און ער קאָן דאָס שעפעריש אויסדריקן. ער גיט אָפּטמאָל אַ בליק אַריין אין שרייבער ביזן דנא און טאַקע ביז צו דער צווייטער זייט.

ווען ריווקין וואָלט פאַרמאָגט זיינע גרויסע מעלות, אָן זיינע גרויסע חסרונות, וואָלטן מיר אין אים געווען געהאַט דעם אמתן גרויסן קריטיקער.

האָבן מיר דאָך אָבער בכלל קיין מזל נישט, און בפרט צו קריטיק...

שאַנכיי, 23־טן פעברואַר 1943.

מ. דערמאָנט מיר : אין ווילנע, ווען מיר האָבן דערשפּירט דעם טעם (דעם פיזישן און נאָך מער דעם גייסטיק־מאָראַלישן) פון באָלשעוויזם, האָב איך גע־האַט געזאָגט : ווען מען זאָל קאָנען געבן אַ צי פאַר אַ קיטל, ווי אין אַ קלאָזעט, און די גאַנצע וועלט זאָל אַראָפּגעשווענקט ווערן אין תהום, ווי אַ ריזיקע שטיק טינוף, וואָלט איך זיך נישט געווען פאַרטראַכט אויף קיין איין מינוט.

יאָ, איך דערמאָן מיך ; איך האָב טאַקע אַזוי געזאָגט און אַזוי געפילט. די דאָזיקע דערמאָנטע עטלעכע ווערטער האָבן אין מיר אויפגעוועקט די שטימונג פון ווילנע. סאַראַ שוידער עס איז געווען ! סאַראַ מאָראַלישע פּיין !

שאַנכיי, 7־טן מערץ 1943.

איך שרייב אַרטיקלען, איך שרייב פאַרוואָרטן צו דער אויסגאַבע „יידישע שרייבער״, איך איבערזעץ אין רוסיש יידישע אַרטיקלען און יידישע ביכער פאַר דער צייטונג און פאַרן פאַרלאַג. — אָבער עס איז אַלץ ווי קינסטלעכע אָטעמונג. כ׳האָב באַקומען צוגעשיקט פון טיענטזין מיין בוך „צווישן יאָ און ניין״ ; געקלערט, אפשר קאָן מען איבערזעצן עפּעס פון אים פאַר דער צייטונג, פאַר אַ בוך דאָהי —אַ נעכטיקער טאָג ! די לופט פון דאָזיקן בוך איז צופיל נאָרמאַל פאַר שאַנכיי, זי וועט עס נישט קאָנען אַריבערטראָגן... יידישע קולטור־לופט קאָן זי פאַרטראָגן בלויז אין דער פאָרם פון קינסטלעכער אָטעמונג...

24־טן מערץ 1943.

אַ היגער ייד ווענדט זיך צו מיר מיט אַ פראַגע:

— איך זע, — זאָגט צו מיר דער ייד צוקערמאַן. — אַז איר זענט אַן אמתער ליטעראַטאָר, — אָבער איך בין אַמאָל אויך נישט געווען ווייט דערפון. מיין פאָטערס בוכהאַנדלונג אין וואַרשע — צוקערמאַן! — איז באַקאַנט. איז פרעג איך אייך: גוט, איר גיט אַרויס פרצן, שלום עליכמן, אשן, אָבער פאַרוואָס גיט איר נישט אַרויס אויך די עלטערע גרויסע, באַרימטע שרייבער?

(וועמען וועט ער אָנרופן? — פליט מיר דורכן קאָפּ דורך אַ פראַגע).

— פאַרוואָס גיט איר נישט אַרויס שייקעוויטשן, איר ווייסט דאָך — שמר'ן, עוזר בלאַשטיינען? וואָסי, זיי האָבן נישט פאַרדינט?

אַ ייד, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער קשיא, האָט זיך אויך אַריינגעמישט:

— און מאַפּו?

איז צ—ן אים באַפאַלן: — אוואַ, מאַפּו, אהבת ציון". וואָס? געווען אַ יונגערמאַנטשיקל, געכאַפּט זיך לייענען „אהבת ציון"? אָבער סמאָלענסקינען האָט איר איבערגעלייענט? „התועה בדרכי החיים", „קבורת חמור".

— איי, איי, איי! — האָט דער צווייטער זיך דערמאָנט מיט מתיקות! — געווען אַמאָל וואָס צו לייענען: „המליץ", „הצפירה". היינט איז גאַרנישט!

— אַזוי, — גיט זיך אַ כאַפּ צ—ן, כדי אַרויסצווייזן, אַז ער איז אין ליטעראַטור נישט אַבי ווער, — „המליץ", „הצפירה" — אַ מענטש גיט עס אַ מיש צענויף! „הצפירה" איז געווען אין וואַרשע, „המליץ" אין פעטערבורג, — איז ביי אים אַלץ איינס.

דיהיגע ייִדן זענען אַנטלאָפן געוואָרן מיט 30־40 יאָר צוריק, און עס באַמבלט זיך זיי אַלץ פון אַמאָל. אָבער אין אָט־די דערמאָנונגען פון אַ פאָר שאַנכייער ליגט די בענקשאַפט נאָך „עפּעס". די איבעריקע דערמאָנען זיך שוין אַפילו נישט...

שאַנכיי, 2־טן נאָוו. 1943.

מען פרעגט מיר אָפט: „ווי אַזוי קאָנט איר אין אַזאַ צייט אַזוי פיל שרייבן וועגן ליטעראַטור און שרייבער?" אַמאָל ליגט אין דער פראַגע קנאה, אַמאָל באַוווּנדערונג. אָבער מערסטנטייל — אַ חשד: אפשר שפירט ער נישט די צייט?

אָבער די זעלבע פרעגער פאַלט גאָר נישט איין צו פרעגן זיך גופא אָדער זייערע קאָלעגן: „ווי אַזוי קאָנען מיר אין אַזאַ צייט אַזוי פיל זיצן אין באַרן? שפּילן אין קאָרטן? יאָגן זיך נאָך די ביליקסטע נקבות? גיין זען די נאַרישסטע פילמען?

דאָס פאַלט זיי גאַרנישט איין צו פרעגן. דאָס איז פאַר זיי אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען איך פרעג זיי דאָס, וואָלטן זיי געווען געמיינט אַז איך שפּאַס...



שאַנכאַי, 28־טן יולי, 1944.

עס גייט צום סוף. די וועלט האָט קוים־קוים באַוויזן אויסצומיידן די שווערסטע קנעכטשאַפט אין דער געשיכטע — די היטלער־קנעכטשאַפט. צי וועט זי כאָטש וויסן ווי צו פאַרווענדן די מיט נסים צוריקבאַקומענע פרייהייט? צי וועט זי, — די שיינע מענטשהייט, מיין איך, — נישט צומאַכן דעם מלחמה־בוך און עפענען צוריק דעם שלום־בוך אויף דעם זעלבן בלעטל, אויף וועלכן זי האָט עס צוגעמאַכט אין 1939?

צי וועט זיך די מענטשהייט נישט דערהויבן אַפילו צו אַזאַ פשוטן געדאַנק: ווען די מלחמה וואָלט געווען באַדאַרפט דויערן נאָך אַ צען יאָר, וואָלטן זיך שוין געווען געפונען די ריזיקע סומען דערויף; טאָ זאָל מען די זעלבע סומען אויסגעבן אויף שלום־צוועקן און מאַכן פון דער ערד אַ גן־עדן פאַרן אָרימען מענטשן, אויף וויפל די ערד איז צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ צוועק . . .

וועט זיך די מענטשהייט דערטראַכטן צו אַזאַ פשוטן געדאַנק און — דער עיקר — צי וועט זי האָבן גענוג ווילנס־קראַפט, כדי ערנסט צו פאַרווירקלעכן אַזאַ געדאַנק? (ווייל דאָס ווייסן מיר דאָך, אַז נישט געדאַנקען גוטע פעלט דער מענטשהייט. נאָר ווילן זיי צו פאַרווירקלעכן און לעבן לויט זיי).

שאַנכאַי, 1־טן אויגוסט 1944.

מערסטנטייל כינעזערינס און יאַפּאַנערינס (פון די וואָס איך זע) זענען מיאוס אָדער, לכל הפחות נישט שיין. אָבער אַז עס טרעפט זיך שוין אַ יאַפּאַנישע אָדער כינעזישע שיינקייט, איז זי ווי אַ רעפּרעזענטאַנטין פון דער גאַנצער שיינקייט־מעגלעכקייט פון זייערע ראַסע. די צאַרטקייט און די פאָלקאָמענקייט פון די דאָזיקע טיפּן איז אין לשער. עס ווערט שרעקלעך ביים געדאַנק, אַז אָט די שיינקייט, אויף וועלכער יאָרטויזנטער האָבן געאַרבעט, וועט פאַרוועלקט ווערן אין שטאַרבן.

אויך ביי אַנדערע פעלקער טרעפן זיך אָט אַזעלכע טיפּן, וואָס פאַרקערפּערן דעם פאָלקאָמסטן, דעם אידעאַלסטן טיפּ פון דער פרוי פון דער דאָזיקער נאַציע, אָבער אַ סך זעלטענער. — דאָרט איז די שיינקייט צעטיילט אויף מערערע טיפּן.

אַ רוסין אַזאַ האָב איך אַמאָל געזען אין וואַרשע, אין אַ טראַמוויי — אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

שאַנכאַי, 1־טן אויגוסט, 1944.

ליטעראַטור איז פאַרן מענטשן דאָס זעלבע וואָס דער ראָד פאַר דער וועוויאַרקע אין געפאַנגענשאַפט, — ער דרייט זיך אין איר צווישן די פּאָלאַרע פונקטן פון פאַרצווייפלונג און באַגייסטערונג, לאַנגווייל און אינטערעס. ווי ענג עס איז דער קרייז פון מענטשלעכע איבערלעבונגען און פאַרלאַנגען, — ווען מען גיט אַ קוק אויף זיי פון אַ זייט, אין אַ ניכטערן, שוין צו ניכטערן מאָמענט, איז דאָס אַלץ אָדער זינלאָז אָדער לעכערלעך; אָבער ווען מען געפינט זיך אינעווייניק — איז דאָס אָדער טראַגיש אָדער אינטערעסאַנט. און צווישן אָט־אָ די דאָזיקע פונקטן דרייט זיך די ליטעראַטור, ווי אַ וועוויאַרקע אין ראָד. איינער

לאַנגזאַמער און אונגע־
דרייט זיך שנעלער און גראַציעזער, דער צווייטער —
לומפּערטער, אָבער דאָס איז עס. קומען צו אַ סוף, צו אַן אויספּיר איז גאָרניט
מעגלעך — דאַכט זיך מען איז אָנגעקומען צו אַ באַשטימטן פּונקט און אָט איז
מען שוין ביים קעגנזעצלעכן, — ווייל דער ראָד דרייט זיך.

איז דאָס נודנע? איז דאָס טראַגיש?
דאָס איז ווי דאָס לעבן — אַמאָל נודנע, אַמאָל טראַגיש, און אַמאָל — גע־
זען דורך די אויגן פון אַ געבענטשטן דיכטער — דערהויבן. און דאַן באַקומט
אַלץ אַ זין.

און דאָס איז ליטעראַטור — אין אַלע אירע געשריבענע און נישט־גע־
שריבענע פאָרמען...

11־טן אויגוסט, 1944.
גאַליעבט היינט „קדוש השם“ פון שלום אש (אין דייטש) און יאַקאָב וואַ־
סערמאַנס „דער אויפשטאַנד צוליבן בהורל ערנסט“ (אין רוסיש). ביידע ביכער
באַהאַנדלען שווערע „שטאָפן“. איך קאָן נישט זאָגן, אַז וואַסערמאַנס דאָזיק
בוך באַפרידיקט מיך אינגאַנצן. אָבער ווי הויך עס הויבט זיך אויף איבער אַש׳ס
בוך. ווען נישט זיין היסטאַריש־מאַיעסטעטישע טעמאַטיק, וואָלט עס בכלל נישט
מעגלעך געווען צו לייענען. ווי אומבאַהאָלפן אַש באַהאַנדלט טיפע מאָמענטן.
ווי מעלאָדראַמאַטיש עס איז די קלימאַקס־סצענע אין טולטשין און די ענד־
סצענע פון דבורהלעס קדוש השם. מער ווי צו מעלאָדראַמאַטישקייט (פון גאָלד־
פאַדענס שניט) קאָן ער זיך נישט דערהויבן. דאַקעגן ביי וואַסערמאַנען!

4־טן סעפּטעמבער, 1944.
פאַראַן צוויי סאָרטן מענטשן: דער ערשטער סאָרט — די גרויסע מער־
הייט — פאַרוואַנדלט דאָס אַלגעמיינע און פּערזענלעכעס; דער צווייטער סאָרט
— די קליינע מינדערהייט — פאַרוואַנדלט דאָס פּערזענלעכע אין אַלגעמיינעס.
און עס איז קאָמיש צו הערן, ווי די אויסניצער פונם אַלגעמיינעם שרייען
קעגן די צווייטע און וואַרפן זיי פאָר: פּערזענלעכע מאָטיוון! זיי באַגרייפן
גאָרנישט, אַז איבערלעבנדיק אַ פּערזענלעכע עוולה, שפּירן זיי יענע פון
שטאַנדפּונקט, פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, אַלס עוולה בכלל, אַבסטראַהירנ־
דיק פון זיך.
און ס׳איז קאָמיש צו הערן, ווי זיי — דווקא זיי! — ריידן נאָר וועגן
קהלשע אינטערעסן, כדי דערביי אָפּצוקאָכן זייער פּערזענלעך טעפּעלע...

4־טן סעפּטעמבער, 1944.
„דזשאָינט“ צאָלט שטיצע גוים, משומדים, גבירים. וואָס איז דער וווּנ־
דער? אין שאַנכייער „דזשאָינט“ גופא זיצן דאָך משומדים, גבירים און — גוים.
הגם גע׳מל׳טע און נאָך נישט געטויפטע. יידישע ווילטעטיקייט!
אַפילו אַ געוויסער ק., אַ פּוילישער פּליט, וואָס האָט זיך געשמדט אין
שאַנכיי, האָפנדיק אויף הכנסה דערפון, באַקומט אויך געלט פון „דזשאָינט“.
און פון איסטדזשוקאָם אויך (די „איסטדזשוקאָם“־לייט פירן דאָך אַן אויך מיטן
„דזשאָינט“).





# פּ ר ש ה נ מ ר ו ד

(נמרוד גבור ציד . . . בראשית קאַפּ. י׳)

**אויפן קבר׳לאָזן קבר פון מיין
רבין — אַ מצבה.**

אָונטס שטראַלן פרומע,
אין מיין רבינס באָרד . . .
עפן איך דעם חומש
און איך לייען דאָרט:
נמרוד איז אַ יעגער,
נמרוד איז אַ שלעגער;
נמרוד איז אַזעלכער
וואָס עס שטייט אין קאָרט.

גאַנצע טעג אין דרויסן
יאָגט זיך נאָכן ווינט,
פאַר אַ יונג אַ גרויסן
האָט עס דען אַ זין?
זאָג אַליין, מיין קינד! . . .
קנייטשט זיך רבי׳נס שטערן —
געל, ווי העלפאַנטביין:
וואָס פון אים קען ווערן?
שטעל זיך פאַר אַליין,
יאָגט זיך נאָך די בערן
אין דעם פרייען פליין . . .
שווער פון דעם צו קלערן,
שווער עס צו פאַרשטיין — — —

און דער רבי, כעסיק,
קראַצט זיך אין דער באָרד:
אַזאַ מין פוסט־און־פאַסניק
איז גרייט באַגיין אַ מאָרד,
ווייל די בלוט זיינס הייסע,
טונקלט דעם פאַרשטאַנד, —
אַפילו אויפן קייסער,
ט׳ער אויפהויבן זיין האַנט . . .

דער רבי איז פאַרעלטערט.
דער קאַנטשיק — איז נאָך יונג.
די „לאָקשן“ די פאַרגעלטע,
טוט פאַר מיר אַ שפּרונג.
מיר דווקא געפעלט ער,
אָט דער ווילער יונג,
פריי פון אַלע יאָכן,
ווי אין חומש שטייט.
כ׳וואָלט אים נאָכגעקראָכן,
אומעטום באַגלייט.

נאָר דער רבי, צאָרנט,
קוקט מיך אָן באַשייט
און זיין פינגער וואָרנט:
נמרוד, נישט קיין לייט.
נישט קיין תפילין לייגן,
(פאַר די רייד ניט שטראָף!)
ער פאַרמאַכט די אויגן
אַן קריאת שמע פאַרן שלאָף . . .
וואַקסט אַ יונג, אַ ווילדער
זעסט אַליין מיין קינד,
ווילסטו מאַכן מילדער
זיינע גרויסע זינד? — — —

רבי׳ס באָרד פאַרפלויגן . . .
ערשט געווען . . . איצט וווּ? . . .
גראָב איך איין די אויגן
אין דעם הייליקן בוך;
שוואַרצן דינע ווערטער,
שוואַרצן זיינע שריפט.
איך, צו ווייטע ערטער
האָב איצט אָפּגעשיפט.
געזען דעם רבינס אומעט
פון די ברעמען טריפט,
זיין בערדעלע, זיין קרומע
וואָס וואַקסט ווי אין דער שיף . . .

די אויגן אָנגעגאָסן —
צוויי שיסעלעך מיט צער.
די פּיאותן צופלאָסן
אין ווינטיקן ווירוואַר;
זיין פליִיצע איינגעהויקערט
דערוויטערט זיך אין ווייט — — —
אוי, ס׳איז ערב און צו בוקר
איז נאָך זייער ווייט . . .

נישטאָ דער גוטער רבי.
פאַרפלויגן מיטן ווינט.
פאַרשניטן האָט זיין לעבן;

היטלערס בייזע הינט.
אָפּגעמעקט דעם חדר
און פאַרברענט די שאָף.
ס׳קלאָגט אין מיר כסדר:
גאָט, פאַרוואָס די שטראָף? — — —

ערגעץ היינט אַ שטומע
אָט דעם רבינס רוט,
און פון רבינס חומש —
שפּריצט אַרויסעט בלוט.
נאַר נמרוד, שפּאַנט אַרומעט
מיט אַ פעדער אין דער הוט . . .

גבעת השלשה 1951.

---

## יוסף פּערלשטיין (ישראל)

# שאַקאַלן וויינען . . .

שאַקאַלן וויינען . . .
וויינען יעדע נאַכט ביי מיין געצעלט.
צעשלאָגענעם אינמיטן בין־השמשות־פעלד.
וואָס וויינען אַזוי אין נאַכט אַריין שאַקאַלן? —
דערפאַר אפשר וואָס זייער מדבר ווערט צעאַקערט?
צי גאָר, ווייל כ׳האָב מיין שטילן צעלט
אין יאָמער זייערן צעפלאַקערט.
און ווו,
און ווו־זשע וועלן זיי אַהינטאָן זיך
מיט זייער מדבריש געוויין?

שאַקאַלן וויינען . . .
און ס׳טוט מיין צער פאַרנעמען דעם געוויין. —
דאָס האָט ער אַזוי אַרום,
דורך מדברדיקע דורות
און שטומע מזרח־נעכט.
אויסגעפּיינט צו מיר פון ווייט
זיין לעצטן בענקענדיקן „קום” — — —



## א. מ. קייזער

# דער דיכטער פון בענקשאַפט

### (וועגן ישראל אַשענדאָרפס „ווײ און וואַנדער”)

ישראל אַשענדאָרף געהערט אייגנטלעך צו די יונגע, והא ראיה: ער איז נישטאָ אין רייזענס לעקסיקאָן. ווען רייזען האָט צונויפגעשטעלט דעם לעקסיקאָן, האָט אַשענדאָרף נאָך נישט געהאַט געפּראַוועט זיין ליטעראַרישער בר־מצוה. אַשענדאָרף איז פון די „פּרחי כהונה”; איינער פון די יונגע פעון־כהנים, די שפּראָצלינגען פון יענער ליטעראַרישער פּלעיאַדע אין גאַליציע, וואָס האָבן זיך אַזוי שיין צעוואַקסן און באַפרוכפּערט אונדזער ליטעראַטור.

אַז אַ מענטש איז יונג, זאָגן אונדזערע חכמים, זינגט ער. האָט ער טאַקע אָנגעהויבן מיט דיכטונג. יאָרן לאַנג איז ער געווען פאַרקנסט צו דער מוזע. שפּעטער האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט דראַמאַטורגיע, און האָט אָנגעשריבן דריי ביבלישע דראַמעס; אַ טרילאָגיע פון די דריי מלכים אונדזערע — שאול דוד און שלמה. איצט, איז ער אַוועק צו דער פּראָזע און שרייבט דערציילונגען.

אָבער נישט וועגן דער פּראָזע זיינער וויל איך דאָ רעדן. דאָס איז אַ קאַפּיטל בפני עצמו. איך וויל בלויז ווידמען עטלעכע שורות צו זיין לעצטער לידער־זאַמלונג „ווײ און וואַנדער”, וואָס איך האָב אָקאָרשט איבערגעליינט.

איך האָב מיר מיין דרך: באַקום איך אַ ניי ביכל לידער, איז לויף איך איבער דעם אַדורך גיך. אַז איך האַלט שוין ביים סוף פּסוק און עס גיט מיך אַ ציִיף צוריק, איז אַ סימן, אַז די לידער, אָדער אַ ליד, האָט מיך פאַרטשעפּעט. און אויב אַזוי, איז אין דעם בינטל פאַראַן אַ יש. דאָס איז מיין באַראָמעטער. אָט דאָס איז געשען מיטן ביכל „ווײ און וואַנדער”. אַז איך האָב עס איבערגעליינט, האָט זיך מיר ערשט פאַרגלוסט אָנצוהויבן פון ס׳ניי, פון בראשית. און איך האָב עס נאָכאַמאָל געליינט טאַקע ווי מען זאָגט „מדאַשקע לדאַשקע”. דאָס ביכל האָט מיך געפּאַקט.

בעיקר האָט מיך אימפּאָנירט זיין ציקל „קינדהייט”. די לידער זיינען דורכגענומען מיט אַ טיפער בענקשאַפט נאָך זיין קינדהייט. ער בענקט נאָכן „פאַרלוירענעם באַלעם”, נאָכן „פרימאָרגנגאַנג פון מיין מאַמען”, נאָך דער מאַמעס מעשיות פון מאַרק, נאָכן „קראַנקען טאַטן און זיבעטן שיך”. אפילו נאָכן לייטער וואָס שטייט ביים בוידעם. „ווײ און וואַנדער” הויבט זיך אָן מיט „קינדהייט” און ענדיקט זיך מיט די ציקלען „שטויב” און „רויך”, אָבער אומעטום וויעט עס מיט האַרצנאַגעניש, מיט בענקשאַפט.

„און יעדן אונטס, יעדן אונטס,
רייסט אויף אין האַרצן מיר די בענקשאַפט
און זי צערייסט מיך און צעשפּריצט מיך
אויף טויזנט שפּליטער פון גענעקשאַפט”.

אין די־אַ בענקשאַפט שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער יידישן לעבנסשטייגער מיט אַלע זיינע געמעלן. דאָס איז די פּריזמע דורך וועלכער איר זעט פאַר זיך אַ שלל פון היימישע בילדער: דאָס שטעטל, די גאַס, די קראָם, די שטוב, דער הונגער אין שטוב, און מיט אַזאַ בולטן קאָלאָריט:

„פון וועגט רייסן זיך טאָפּ און שיסל
מיט אָפּענע מיילער
געשריי:
— שטילט אונדזער הונגער,
לעשט אונדזער דאָרשט,
אַביסל בולבעס ווילן מיר,
אַ לעפעלע באָרשט.

די בעטן
האָבן זיך איבערגעדעקט.
זיי קענען נישט צוזען,
וואָס עס טוט זיך
אַרום זיי".

דער דלות זיינער איז אַזוי היימיש יידישלעך, חנודיק, וואַרעם, אַז ס'ווילט זיך גאָרנישט פון אים שיידן. אַז מען פאַרמאָגט אַזאַ רייכן דלות איז מען גאָר־נישט אָרעם.

די מלחמה האָט אים אויסגעוואָרצלט. ער איז אַוועק אויפן וואַנדערוועג. אַוועק אין טיפן רוסלאַנד, צום מזרח. פאַרזוכט דעם טעם פון שטויב און זאַמ־דיקער מדבר ביז ער איז אַנגעקומען קיין קאווקאַז — דאָס לאַנד פון מזרחדיקן פרילינג. נאָר דאָס צעצוויטן זיך פון די ביימער, דאָס צעוויקלען זיך פון די ווײַנשטאָק־בלעטער, אַפילו די פּולצייטיקע פּירות, וואָס רייסן זיך אָפּ פון זייער מאַמעס נאַפּל, זענען אים פרעמד. ביטער אין מויל זענען אים די האָניק־אַבריקאָזן און זויער איז אים דער זיסער ווײַן, ווײַל עס בענקט אים אַהיים.

און דאָרט, אין דער ווייטער פרעמד, גלויבט אים קיינער נישט זיין בענק־שאַפט. רופט ער דעם חבר פון זיינע קינדער־יאָרן. ער זאָל קומען עדות זאָגן —

„אַז כ'האָב געהאַט אַ היים — אַ פעסטונג,
מיט אַ באַלקן אונטער דאַך.
איך פלעג צו אים פאַרטאָג זיך מעסטן,
ווי געוואַקסן כ'בין דורך נאַכט.

אַז כ'האָב געשפּילט זיך און דערצויגן
מיט די חיות פונעם הויז;
מיט הונט, מיט קאַץ, מיט ציג און פויגל —
די משפחה, קיינאָרע גרויס!
— — — — —



און עדות זאָגט, אַז מיינע אויגן
איצטער גראָ — געווען בלאָ.
און קנייטשן אויף געזיכט צעצויגן,
זענען נישט פון תמיד דאָ".

ער קען די בענקשאַפט מער נישט אויסהאַלטן. ער רייסט זיך אַהיים. ער קומט אַהיים. און ווי זעט זי אויס, די היים זיינע?

„דאָס הויז וועט מסתם זיין דאָסזעלבע.
איך וועל דעם טויער טון אַ עפן;
אַקעגנקומען וועלן שכנים.
נאָר מיינע נאָנטע כ'וועל נישט טרעפן.

איך וועל אויך זען דאָס אַלטע מעבל,
די מענטשן אָבער — זענען פרישע.
עס שלאָפן פרעמדע אין די בעטן
און פרעמדע עסן פון די טישן.

ווען איך וועל צוגיין צו דעם פענצטער,
וועל איך זען דאָרטן אַ וואַזאָנע,
און אויף דער וואַנט וועט שטיל זיך הענגען
אַ פרומע, שטומע די איקאָנע".

* * *

„תפלה עושה מחצה", ס'הייסט אַז די תפלה איז נאָר פּועל אויף אַ העלפט. אַזוי איז ביי אונדז אָנגעשריבן. אָבער אַמאָליקע גוטע יידן, וואָס האָבן געדינט דעם באַשעפער מיטן יידישן וואָרט אין מויל האָבן די מימרא אַנדערש גע־טייטשט. „תפלה" — בעט — „עושה" — דעם באַשעפער — „מחצה" — העלפט ער! איך זאָג עס אַנטקעגן די תפלה, וואָס ישראל אַשענדאָרף האָט געבעטן אין זיין „דו", אַ מין „דודעלע" אויפן שניט פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער.

„דו, וואָס גיסט יעדער מין פּרי איר אויסזען;
די פלוים זאָל זיין גרעסער פון ווײַנשל און גרעסער
פון ביידע — דער אַבריקאָז.
דער עפּל זאָל קיילעכדיק זיין און די באַר זאָל פון
אונטן זיין ברייט און אַרויפצו וואָס שמעלער —
דו גיב אויך די פאָרעם מיין ליד".

און מיט דעם־אָ נוסח האָט ער אויך געבעטן פאַרן ריטם און פאַרן כח פון זיין ליד. די תפלה האָט קענטיק אָנגעשלאָגן ווו מ'באַדאַרף און זי האָט אים געהאָלפן ווי ס'געהער צו זיין. עס איז אים אויך בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין דורכגעזיפּטן און געלייטערטן יידיש, זיין „יידיש קודש".

„און כאַטש אַזוי, ווען ס׳קומט אַ וואָרט אַ גאַטיקס,
באַשמעק איך עס, פאַרזוך עס, פרואוו עס לאַנג.
און טאָמער פעלט מיר אויס אַ וואָרט אַ פאַסיקס,
ביז איך געפין עס נישט בין איך ווי קראַנק.
ווייל נישט ידידיש, נאָר געלייטערט לידיש,
וויל איך זאָל ווערן יעדעס וואָרט פון יידיש״.

און אַזוי שטייט ער פאַרן עמוד פון דער יידישער דיכטונג און זאָגט זיך זיינע „שטיקלעך״. ער איז נישט פון די גרויסע חזנים מיט די „לייבנשטימעס״, וואָס דערלאַנגען צו דער „אויבער צע״, נאָר פשוט — אַ היימישער בעל־תפלה, אַ גוטער זאָגער; דאַוונט בנעימות, נחתדיק, מיט כוונה, מיט האַרץ, און דער עיקר — מיט בענקשאַפט אין דער נשמה.

## אייזיק גאָלדבערג

### פון אונדזערע ליטעראַרישע אור־אייניקלעך

(צום דערשיינען פון יהודה ביעטש׳ס בוך „שיידוועגן״)

אין אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור, האָבן מיר שוין דערלעבט צו האָבן עלטערע ליטעראַרישע אור־אייניקלעך!

דאָס קלינגט אַביסל קוריאָז, אָבער מיט דעם דערשיינען פון דעם ערשטן בוך פון אונזער טייערן געזעלשאַפטלעכן פריינט און חבר, יהודה ביעטש, זעען מיר אַז דאָס איז אַ שטיק אמת.

ביז איצט האָט כמעט יעדערער געקאַנט י. ביעטש דעם געזעלשאַפטלעכן קולטור־טוער אויף דער לאָנדאָנער יידישער גאַס. ביים „פריינט פון יידיש לשון״ איז דאָך שוין גאָר אָפגערעדט. דאָ איז ביעטש באַקאַנט פאַר אלצדינג כמעט. דאָ איז ער אין דער ערשטער ריי וויצע פרעזידענט, טרעזשורער (קאַסירער), פירט אָן מיט אַלע קאָמיטעט אַרבעטן, העלפט פיל צו ביים דערשיינען פונם זשורנאַל „לשון און לעבן״, אַחוץ דעם רעציטירט ער נאָך פון די יידישע שרייבער, ביי די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, און סתם אַזוי אַ רעדנער און אַזוי ווייטער.

און מיט אַמאָל האָט זיך גאָר אַנטפּלעקט י. ביעטש, אַלס שרייבער פון נאָוועלן און קורצע דערציילונגען, וואָס נעמען אַרום דאָס לעבן פונם קליינעם יידישן שטעטל, לויט ווי ער האָט עס געזען און איבערגעלעבט, און דאָס צוזאַמענגעפאָרט מיטן גרויסשטאָטישן לאָנדאָנער לעבן. דאָס צוזאַמענשטויסן זיך מיט דעם ניי געבוירענעם דור, באַזונדערס דאָס ווען זיך צופאַסן, פאַרענגלישן אָדער פאַרשטעלן זיך, דאָס ברענגט ער אַרויס אויף אַזאַ קרומען־שפּיגלדיקן אופן . . .

לויט ווי דער מחבר י. ביעטש באַצייכנט דאָס בוך מיטן נאָמען „שיידוועגן״, דאָס גלויב איך צו זאָגן, איז דערמיט געמיינט, אַז דאָס יידישע שטעטל איז



דאָ אין לאָנדאָן אַהערגעשלעפּט געוואָרן, און דאָס יידישע לאָנדאָן איז אַזוי אַרום געוואָרן פאַרקליינשטעטלדיקט . . .

אין דער אמתן, זיינען זיי ביידע געבליבן שטעקן אונטערוועגס, ווי געזאָגט, נישט אַהין און נישט אַהער. פון די אַהערגעקומענע איז כמעט קיין פאַרשמעלצונג נישט מעגלעך געווען, אַזוי אַז זיי זיינען עד־היום געבליבן אויפן שיידוועג!

אָבער דאָ איז נאָך פאַראַן אַן אַנדערער אויסטייטש פון דעם וואָרט „שיידוועגן״, וועלכעס איז אויך חל דעם שרייבער י. ביעטש גופא. ד.ה. פאַרוואָס האָט ער אייגנטלעך נישט אָנגעהויבן צו שרייבן אין די פריערדיקע יאָרן, נאָר ער האָט זיך ערשט אויף דער עלטער ענטשידן?

איינס אָבער איז קלאָר, אַז מיט דעם דערשיינען פון זיין ערשטן בוך, איז גאָר קיין ספק, אַז י. ביעטש פאַרמאָגט אַ שרייבערישן טאַלאַנט.

ווען ער שילדערט, בעסער געזאָגט, ווען ער מאָלט אונדז דאָס שטעטל מיט די יידישע געסלעך, דאָס טייכל, דעם קלאָרן הימל, די ביימער און גרעזעלעך, אַזוי זען מיר אַלצדינג ווי לעבעדיק, דאַכט זיך אַז אַלעס רעדט און דערציילט עפּעס. מיר האָבן פאַר זיך אַ לעבעדיקע לאַנדשאַפט. לעזנדיק אָטעמען מיר אין זיך אַריין די גאַנצע אַטמאָספערע פון דער שטעטלדיקער אידיליע, און דאָס מיליע וואָס ער האָט אונז אויסגעמאָלן . . .

ווידער, ווען ער פירט אונז אַריבער נאָך דער פאַרוואָלקנדער פאַרנעפּלטער וועלט־שטאָט לאָנדאָן, זיינען מיר אין אַ הפקרדיקער אַטמאָספערע. כמעט אין אַלע זיינע דערציילונגען וועגן לאָנדאָן, האָבן מיר רעגן, כמאַרעס. „פּאָגעס״, שוואַרצע נעפּלען, ווינט און וועטער אַז עס פיבערט די גלידער! אַפילו די נאָר וואָס אָנגעקומענע קלאָרע מחות, הויבן אין לאָנדאָן אָן פאַרכמאַרעט און פאַרנעפּלט צו ווערן. עפּעס ווערט זייער גאַנץ באַנעמען זיך, זייער ריידן, אַזוי אומקלאָר, זייער יידיש רעדן ווערט דאָ אַ מין יידיש־ענגליש, און זייער ענגליש — אַ מין ענגליש־יידיש . . .

דאָך פאַרפעלט נישט דער מחבר אין די טראַגיש־קאָמישע טיפּן און כאַראַקטערן זיך צו פאַרטיפן פּסיכאָלאָגיש אין זייערע נשמות, און שילדערן אַזוי רחמנותדיק זייערע פריידן און ליידן, שטרעבן און האָפנונג, און זייערע גאַנצע איבערלעבונגען.

באַזונדערס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אין זייער פיל דערציילונגען איז דאָ אַזוי פיל ראָמאַנטיק, עס שוויבלט ממש מיט יוגנטלעכקייט, אַז ווען מען זאָל נישט קאָנען דעם מחבר גופא, אַלס שוין קרוב אַ זיבעציקער, וואָלט מען געמיינט אַז דאָס האָט געשריבן איינער וואָס איז אין די דרייסיקער יאָרן . . .

נאָר דאָ פאַרשטייט זיך האָט דער מחבר נישט געוואָלט פאַרלירן די יוגנט איבערלעבונגען, און זיי נאָך איצט אַרויסגעבראַכט. וואָרים לאָמיר זיך נישט נאַרן, פונקט ווי ביי כמעט אַלע שרייבער, איז אויך אין ביעטש׳ס דערציילונגען זייער פיל פון אייגענער אויטאָביאָגראַפיע אַריינגעוועבט . . .

אָבער אין אַ געוויסן זין, זיינען זיינע דערציילונגען נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן, און דאָס איז וואָס אין זיי איז ס׳רוב פאַראַן צופיל מאַלערישקייט, צופילהאַנדלונג, ד.ה. פאַר אַ קורצע דערציילונג איז אין זיי פאַראַן צופיל פרטימדיקס. זיינע קורצע דערציילונגען, אין וועלכע ער וויקלט אַזוי שיין פונאַנדער דאָס היימישע יידישע שטעטל, מיט די פאָלקסטימליכע האָראַפאַשנע טיפן, וועלכע שטויסן זיך אָן מיט דעם האַרטן לעבן פון דער גרויסער וועלט שטאָט לאָנדאָן, וואָלט ער געדאַרפט אַביסל מער אויסברייטן. זיי בעטן זיך ממש אין מער דערציילערישקייט און שילדערונג. ד.ה. זיי זיינען צופיל אָנגעפיקעוועט!

דאָס געפינען מיר זייער אָפט ביי די דערציילונגען „אַרויפגעאַרבעט זיך“, „די מהומה“, „מער נישט צוריקגעקומען“, „אונדזער רב“, א.א.וו. למשל, נעמען מיר די דערציילונג „דער אָנהויב פון סוף“ אינגאַנצן אַריבער זעקס זייטלעך. דאָרט ווערט דערציילט פון אַ קליין יינגל, יאַנקל זילבערשטיין, אָדער ווי מען האָט אים שפעטער גערופן אין שטעטל, ווען ער איז געווען שוין אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, יאַנקל קאַמאַשן־שטעפער. דאַמאָלט האָט ער אויך חתונה געהאַט. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען, ווי ער האָט איבערגעלאָזט זיין יונג ווייבל מיט דעם קליינעם יידישן שטעטעלע, וועלכעס איז אים געווען ליב און טייער. ווייל עס האָט אים עפעס מיט באַזונדערן כוח אַלעמאָל געצויגן צו די גרויסע וועלט־שטעט לאָנדאָן, פאַריז, אַמעריקע, אָנצוהויבן דאָרט אַ נייע לעבן!...

אָנקומענדיק גראַד אין הערבסט נאָך לאָנדאָן, האָט ער אָנגעטראָפן אַ קאַלט, נאַס, פאַגעדיק וועטער. ער האָט זיך געפילט עלנט, נידערגעשלאָגן. דאָס נייע לעבן איז נישט געווען אַזוי ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. דאָך האָט זיינער אַ לאַנדסמאַן, באַלד אים אַרויסגעהאָלפן, פאַרשאַפט אים אַרבעט אין אַ שניידער פאַבריק. באַלד איז געוואָרן פון יאַנקל זילבערשטיין, דזשעק סילווערמאַן. און פון יאַנקל קאַמאַשן־שטעפער, אַ הויפט־מאַשינער, ווי מ׳האָט אים שפעטער גערופן, דזשעק דער מעקעניק.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ער האָט אַריבערגענומען זיין ווייבל. געהאַט קינדער, אַדורכגעמאַכט שלעכטע צייטן, אָנגעהויבן שפעטער אַרבעטן פאַר זיך, דאָס איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. געוואָלט מיט די קאַנווענשאַן צוריקפאָרן, דאָך געבליבן אין לאָנדאָן. דערנאָך זיך אַרויפגעאַרבעט, געהאַט שפעטער צער פון די דערוואַקסענע קינדער, ווייל זיי זיינען אַוועק פונם יידישן וועג. אַזוי אַז דאָס האָט אים דערקורצט זיין לעבן!... דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער דערציילונג.

איך מיין, אַז דאָ אַליין איז שוין פאַראַן גענוג מאַטעריאַל אָנצושרייבן אַ דיק בוך פון אַריבער הונדערט זייטלעך.

מיר דאָ פאַרשטיין די כונה. עס איז דערפאַר, ווייל פריינט ביעטש האָט אָנגעהויבן צו שפעט צו שרייבן. דערפאַר האָט ער אַלץ געוואָלט מיט איינמאָל איבערגעבן אין קורצע שטריכן.

אָבער מיר האָבן צו אים אַ טענה, און אַ גערעכטע טענה: אויב יאָ, אַז מיר זען טאַקע, אַז ער האָט זיך פאַר אונדז באַהאַלטן, טאָ איצט, קאָן מען אים דער־



מאָלט ערשט מוחל זיין ווען ער וועט אונז אין אַ צווייט בוך באַווייזן, אַביסל מער באריכות פון דעם וואָס ער קאָן. ווייל איצטער גייט ער שוין אַריין אין דער פלעיאַדע פון שרייבער.

אונדזער יונגע יידישע ליטעראַטור האָט אַדורכגעמאַכט אַ זייער קורצן וועג, מיט אַ הויכן אויפשטייג. איך ווייס נישט וועלכע ליטעראַטור האָט באַוויזן אין אַזאַ קורצער צייט, צו מאַכן אַזאַ מהלך. מיר האָבן זיך נישט צו פאַרשעמען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ליטערטורן פון פעסט־באַזעסענע פעלקער.

מיר געדענקען נאָך דעם זיידן מענדעלע, און שפעטער די טאַטעס, די בויער פון דער יידישער ליטעראַטור, און שוין האַלטן מיר ביי די אור־אייניקלעך, ד.ה. די שרייבער פון איצט. די יידישע ליטעראַטור שטייט איצט שוין אין אַ מין עלטער־סטאַדיום. מ׳קאָן זאָגן, אויך אין אַזאַ מין שיידוועג... ווייל עס קומט נישט צו קיין יונג בלוט. איז טאַקע פאַר אונדז דאָ, אין דעם פאַרכמאַרעטן לאָנדאָן, פון גרויס וויכטיקייט, אַז אַ שרייבער פאַראייביקט דאָ אַ שטיק לאָנדאָנער יידיש לעבן. דאָס האָט אונדז י. ביעטש מיט זיין ניי דערשינען בוך, „שיידוועגן“ בייגעשטייערט. נאָך מער, אַפילו ער אַלס נישט קיין פראָפעסיאָנעלער שרייבער, נאָר אַלס בעל־מלאכה און אַ מענטש מיט אַ דאגות פרנסה, האָט עס אויך באַוויזן...

דערפאַר גייט איצטער י. ביעטש אַריין אין דער פלעיאַדע פון די ליטעראַרישע אור־אייניקלעך. און הלוואי האָבן מיר אַ סך, כאָטש אַזעלכע אור־אייניקלעך, וואָלטן מיר געווען נאָך זיכערער אַז יידיש וועט לעבן!...

## שמואל ווהייט

### פאַמאַכעט — אַ כעלעמער פאָעט*)

און נאָך אַ לאַנגען שפאַציר איבער
דעם וועלט־באַרימטן ווייטשעפל
האָט עס ביי פאַמאַכעטן אַ פנים געהאַט
ווי אַ געפילט פורים־קרעפל:

אַז אַלץ איז דאָ צעמאַלן, פאַרמישט,
די שפראַך — האַלב־יידיש, האַלב ענגליש;
מ׳זאָגט תהלים, מ׳שפילט פוטבאָל —
פערדלעך און הינט אַ מאָדנער געמיש.

מ׳לויפט שבת כאַפן אַן עליה,
מ׳עסט טשאָלנט, מ׳פאָרט אום אין אַ קאַר,
און מ׳האָט אַ געוואַלטיקע הנאה
פון אַ גוטן האַוואַנאַ־ציגאַר.

און דאָס יונגוואַרג ווערט דערציגן
אויף „בר־מצוה פאַרטיס און מפטיר״;
מ׳לערנט דעם „בחור״ „ספיטשן״
ווי אַ פּאַפּוגײַ, און „באַטהינג אַפּטער״!

פּאַמאַכעט האָט אויך געזען פאַרשוינען,
אינסטיטוציעס מיט הויך־קלינגענדע נעמען —
נעמען, מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך ניט שעמען,
נאָר זייער טעטיקייט איז צו באַווײַנען . . .

פּאַמאַכעט איז אויך אין טעאַטער געווען,
ווו ער האָט באַרימטע קינסטלער געזען,
מ׳האָט מיט דערפּאָלג אַ פּיעסע געשפּילט,
נאָר פּאַמאַכעט האָט אַ ווייטיק דערפילט,

זעענדיק ווי מ׳טוט די אויגן פאַרבלענדן,
און מיט שאַנד טוט מען קונסט שענדן,
און ער האָט געפילט ווי מ׳דאַרף זיך שעמען;
נאָר די פראַגע איז בלויז — „ווער פאַר וועמען?״

און רעדסטו פון קולטור און ליטעראַטור —
וואָס ווייסן זיי פון אַזעלכע ענינים?
אַז ביי זיי איז דאָ אַ וואָרט „ביזנעס״,
וואָס מיינט אויף ענגליש, מזומנים . . .

פּאַמאַכעט איז אויך געגאַנגען זען
די וועלט־באַרימטע „פּעטיקאָט ליין״,
ווו מ׳פאַרקויפט גרויסע מציאות:
כשר׳ע תפילין מיט לאַנגע רציעות;

שמאַלץ־הערינג, כריין און פרישע בייגל,
און אַ קאַנאַריקל אין אַ געגילדעט שטייגל.
דערזעענדיק פּאַלמאַכעטן,
פאַרקוועטשט עס אַן אייגל:

„אונזערע״ באַווייזן אייך וואָס זיי קענען . . .
קליידער און קליידלעך, קרעפּלעך און קניידלעך,
און אַלץ וואָס אייער האַרץ נאָר גלוסט;
ס׳איז חצי־חנם — האַלב־אומזיסט.

אַ רעש, אַ געקאַך, אַ גערודער,
מ׳דינגט זיך, מ׳האַנדלט ווי אין כעלעם:
און היטסטו ניט די טאַשן גיט,
ווערט דאָרט באַלד עפּעס נעלם.



# א. נ. שטענצל

## מ א ס ק ע ס

(וואַריאַציעס לכבוד פורים)

טו דאָך אָן וועלכע מאַסקע נאָר דו ווילסט בלויז,
די דײַנע ליפּן מעגן זײַן ווי פאַרצויגן,
קוים פון אונטער קויל־געצויגענע ברעמען,
אַרויסקוקען עס וועלן עכט דײַנע אויגן.

און אַז אַראָפּלאָזן פאַרשעמט דו וועסט זיי,
צווישן וויעס צעגלאַנצטע פון אונטערשמירן,
וועל איך דאָך דורך די רויט־געשמינקטע ליפּלעך,
דעם עכטן שליף פון דײַנע ציינדלעך דערשפּירן.

און אויב אפילו אינם גיפּטיקסטן ביס,
קוים דערקענען מען קען צי עכט ציינדלעך זייִנען,
אָבער דײַן קול, קוים כ׳וועל נאָר דערהערן,
פון אונטער אַלע מאַסקעס כ׳וועל דיך דערקענען.

מעגסט עס פאַרשטעלן מיט לאַכן, מיט וויינען,
די עכטקייט פון דײַן קול איך וועל אַרויסהערן,
טו דאָך אָן וועלכע מאַסקע נאָר דו ווילסט בלויז,
אָבער מיט דײַן עכטקייט בלויז וועסט מיר געהערן.

אָבער אויב דאָס איז אמת, אַז נאָר מיט מאַסקעס,
ווי מיט פּודער און שמינקע מ׳קאָן בלויז געפעלן,
איז יעטווידע רגע אַנדערש געמאַסקירט,
דיר וויל צו געפעלן איך וועל מיך פאַרשטעלן.

2

אַז וויפיל מאָל איך לייג מײַן קאָפּ אין דײַנע הענט,
פאַלט פון מײַן פּנים אַ מאַסקע מיר אַראָפּ,
איז דאָך נישט קיין וווּנדער אַז אַזוי פיל דו האָסט,
און איינער נאָך דער צווייטער וועקסלט זיי אָפּ.

אָבער מײַן קאָפּ ווען כ׳הייב אויף און איך קוק דיך אָן,
און אין דײַן פּנים איך דערקען מיך אַליין —
און יעדעס שטריכעלע געבוי דערפון איך ווייס —
פאַלט ווידער מײַן קאָפּ אין דײַנע הענט אַרײַן...

און צומאָל די מענטשעלעך אין דײַנע אויגן
זײַנען זיי דען נישט אַ שפּיגל־בילד פון מיר?
לאַכנדיקע לצים׳לעך זיי קוקן אַרויס,
זיך איבערווינקנדיק מיט סודות אָן שיעור.

אַז איך האָב שוין מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן,
וואָרים ווער ווייס בלויז וואָס איך וועל שוין דערזען,
ווען די מאַסקע אַצינד דו וועסט דיר אַנטון — —
ס׳קען דאָך אַן אומגליק חלילה נאָך געשען!

נאָר דער טויט־שרעק וואָס וועט אויף דיר דעמאָלט פאַלן,
ווען מיט מיין לעצטער מאַסקע אין דיינע הענט,
וועסט בלייבן פאַרן שפּיגל, אַ פאַרגליווערטע,
און נישט דיך — מיך גאָר וועסט האָבן דערקענט —
— — — — — — — — — — —

3

מיט איין באַק לאַכט ער און מיט איינע וויינט ער,
ער איז אַ גאָט פון גאָלד געגאָסן, ער קען עס!
און איז עס דען נישט פון לויטערן גינגאָלד,
דאָס האַרץ פון דער ליבע־געטין, פון די ווענוס?

געטער זיינען, הימליש דערהויבענע,
און צוויי מאַסקעס אויף איין מאָל זיי קענען טראָגן!
אַז די אויגן וואָס זיי האָבן זעען נישט,
און שטומע מיילער גאָר נישט מיט זיי צו זאָגן.

אָבער איך ווי קאָן איך צוויי מאַסקעס אָנטון,
און מיינע צוויי הענט צו אייך בײדע אויסשטרעקן,
אַז ווי פאַר אַ גאָט אייערע בײדע הערצער,
זאָלן זיך אויף איינמאָל פאַר מיר אַנטפּלעקן?

געטער זיינען זיי, הימליש דערהויבענע,
מענטשלעכע הערצער נישט דערפילן זיי קענען!
מיט איין באַק לאַכן זיי, וויינען מיט איינע,
ווען קינדער אין זייערע אָרעמס פאַרברענען.

אָבער ווי קאָן איך צוויי מאַסקעס אָנטון,
אַז צומאָל מיינע אויגן קאָנען נישט שווייגן!
און אין יעדן אָרעם וואָס שטרעקט זיך צו מיר,
ווי אין מולד׳ס — מיין לייב איך טו אַריינלייגן.

4

ווי לאַנג איך האָב נאָך אָפן מיינע אויגן,
וואָס איינגעפאַלענע באַקן, צעריסענע שטערן?
אַ מאַסקע אָנגעטון, אַ פריידיק צעלאַכטע,
און אונטער איר זאָלן נעצן פריש מיינע טרערן.



און ווערט זי צעקנייטשט און צעווייקט ווי מיין פּנים,
איז אַן אַנדערע אָנגעטון — — פעלן דען מאַסקעס?
אַ, מיינע ליכטיקע אויגן איך באַשווער אייך,
גוטע נאָר זאָלט איר זיין, גלעטנדיקע מיט לאַסקעס.

ווען לעצטע שוין כ׳וועל אָנטון, מיין טויטן־מאַסקע,
אָפן זאָלט איר בלייבן, מיט גוטסקייט אָנגעגאָסן,
פולע מיט מחילה און מיט פאַרגעבונג פול,
אויף אַלע פאַרבלוטיקט פאַרגליווערטע פאַרדראָסן.

ווי עס קרימט זיך געהויקערטער מיין נאָז־רוקן,
אין אַלץ אַ גרעסער־געדרייטערן פראַגע־צייכן,
די געדאַנקען־שטריכן אין שטערן אַלץ טיפער,
און ווי סודותדיק די באַקן טונקלען און בלייכן — —

מיינע פולע ליפּן אַלץ דינער און שמעלער,
גיפטיק ביטער, גלייך מיט גרין־געל־בלוי פאַרביסן — — —
אַ, ווי לאַנג איך האָב נאָך אָפן מיינע אויגן,
ס׳בייזע פּנים ווי אַ מאַסקע אַראָפּגעריסן.

(דער מאַסקע־טאַנץ)

וואָס איז עס דען אונזער וועלטל,
וואָס איז עס דען אינגאַנצן,
אויב נישט אַ מאַסקאַראַד אַזאַ,
דעם טויטן־טאַנץ צו טאַנצן.

ס׳איז אַ ראָד אָרום בלינדער קו,
בײדע אויגן פאַרבונדן,
אַז איידער מען עפנט זיי אויף,
איז דאָס לעבן פאַרשוווּנדן.

עס מוז די מאַסקע נאָר פּאַסן,
דאָס איז דער סוד אינגאַנצן!
אַז איינס דערקענט נישט ס׳אַנדערע,
גייען צוויי מתים טאַנצן —

וואָרים נישט איינמאָל געשעט עס,
אין ראָד אין ווילד צעדרייטן,
ס׳פאַלט פלוצלינג אַ מאַסקע אַראָפּ,
און מען דערקענט דעם צווייטן —
— — — — — — — — —

עס טאַנצט יעדער זיין טויטן־טאַנץ,
אַליין, צי מיט נאָך איינעם,
און אַז מ׳דערלעבט שוין גרויס דאָס גליק,
כ׳פאַלט פון די פיס — צוויי זקנים.

די באַלאַדע פון מאַן אין דער לבנה

ס׳איז נישט קיין פנים מיט אויסגעשטאָכענע אויגן,
און נישט פון וויינען, כסדרדיקן, אויסגערונען — —
איר מאַסקע געבליבן הענגען איז פאַרן פענסטער,
בשעת מיט אַ צווייטן פאַרשוונדן ז׳איז און אַנטרונען.

אינמיטן טאַנץ מיט עמעצן זיך אָפּגעטראָגן,
ערגעץ־ווו מוז אויך נאָך דאָ ליגן איר זיידן־פּעכער!
איר מאַסקע איז עס, איר אָוועקגעשליידערטע,
נישט קיין פנים מיט אויסגערונענע אויגן־לעכער.

אָבער פאַרוואָס קוקן זיי אַזוי שטעכיק־שפּיציק,
אַז לײדיקע לעכער זיי זיינען און אויסגעשניטן?
ווייל דורך זיי האָט זי זיך דעם אַנדערן אויסגעזוכט,
געלאָזן אַליין שטיין און אויף אַ צווייטן אים פאַרביטן.

ווי אויסגעשטרעקט זיינע אויערן האָרכן און זוכן,
אין מיט שבאַפּנדיקער נאָז עפּעס צו דערפילן — —
האָט ער נישט אַ מאָרדע פון אַ הונט איצט באַקומען,
וואָס וועט זיך אַנטקייגן דער לבנה באַלד צעבילן?

מיט לאַפּעס צוויי ווילדע דאָס פנים כאַטש באַדעקן,
זיך צו צעוואָיען אַזוי ביז דער טאָג וועט באַגינען
און נישט קיין מאַסקע מער וועט אויף הימל הענגען —
אַ געל פנים מיט הוילע לעכער טרערן צערינען.

די „צאַמפּלמאַן"־מאַסקע

עס שנײדן פנימער גרימאַסן אַזוי לאַנג,
ביז די מאַסקעס זיינען אויסגעשניטן:
אין ווילדן געלעכטער עס בלייבט איינע פאַרשטייפט,
אַ צווייטע — אין מיטן צער צעליטן.

ביז צו אונטערשטער ליפּ עס ציט זיך טיף דער שטריך,
דאָרט זיך ערשט ווי אַ שנעק צו פאַרדרייען!
אַז נישט אַרויסבאַקומען עס קאָן שוין קיינער,
צי פון לוסט דערפילט ס׳איז, צי פון ווייען . . .



און וויפיל חכמה אין איין פּעלטל ס׳קאָן ליגן,
און וויפיל כיטרעקייטן באַהאַלטן — — —
ס׳איז אַ שפּינעץ־נעץ אַ פאַנג אַריינצוציען,
אַ פנים מיט אויסגעגלעטע פאַלטן!

נאָר ווי צו יענעם, ווען זיין פּיין איז אַזוי גרויס,
אַז קיין מאַסקע קאָן זי נישט פאַרדעקן,
און דורך דעם פאַרביטערטן פאַרשניטענעם מויל,
זיין לאַנגע צונג ער מוז אַרויסשטרעקן . . .

געגליכן איז ער שוין דעמאָלט דער דאַזיקער,
צום „צאַפּל־מאַן" אויף שנירל געצויגן,
וואָס בלייבט הענגען מיט אויסגעבלעקטער צונג,
און אויסגעגוליעט פאַרגלייזטע אויגן.

---

## אליהו פאלושאק

### שעפּסן (אַ פּורים־פּעליעטאָן אין גראַמען)

מאַטאָ: איין פאַרכעוואַטער שעפּס מאַכט אַלע שעפּסן פאַרכעוואַט.

כ׳זע פאַר מיר אַ סטאַדע שעפּסן.
שעפּסן, שעפּסן — פעטע, דאַרע,
שעפּסן ברוינע, שוואַרצע, ווייסע,
שעפּסן קומען, מאַכט אַ וואַרע.

שעפּסן קומען, לויפן, טרעטן
דינע פיסלעך, רונדע לייבער,
קייען גראָזן, בלאָזן, שרייען,
שעפּסן־מענער, שעפּסן־ווייבער.

קומען שעפּסן, סאָפּן, שרייען
אַזש ס׳פאַרהילכט די לופט די ריינע.
מ׳קען נישט הערן, וואָס זיי מעקן,
שרייען שעפּסן גרויסע, קליינע.

שרייען, קייען מעלה גרה,
גרויסע שעפּסן, קליינע שעפּסן,
און פאַרקייבן זיך, פאַרהוסטן,
און פאַרשלינגען זיך און גרעפּסן.

שרייען, קייען, שלינגען, גרעפּסן,
און מ׳פאַרשטייט נישט זיי׳ערע ווערטער.
לויפן, שפּרינגען, האָפּקן, טרעטן,
טוישן פּלעצער, טוישן ערטער.

טרעט אַרויס אַ שעפּס אַ פרעמדער
מיט אַ נאָז וו'אַ רויטער גאַנעק
וויל מע זאָל אים לאָזן רעדן
אינם געטומעל, אין דער פּאַניק.

ער פאַרסלינעט זיך די מאָרדע,
און פאַרקייכט זיך אין אַ פיבער,
פּאַנפּעט, מעקעט, רעדט און טענהט
בזה הלשון, בזה הדבור:

„שניעקעס יאָלדן, לאַטיטוטן,
הערט שוין אויף מיט אייער גערודער,
לאָזט אָן אַלטן שעפּס וואָס זאָגן,
לאָזט שוין אָפּ פון דעם האַרמידער.

„זאָגט זשע, חברה, פּראַנטן, יאַטן,
ווער זשע זענט איר מיר אין יחוס?
וואָס זשע האָט איר, וואָס זשע קענט איר? —
גייט צו אַלדי שוואַרצע רוחות.

„ווער זשע זענט איר שעפּסן־יאָלדן,
שעפּסן־מענער, שעפּסן־ווייבער?
הויט און ביינער, דאַרע שקאַפּעס,
פּיצלעך וואָל אויף אייערע לייבער.

„קוקט מיך אָן קיין עין (ע) הרע,
בין איך פון אַן אַנד'רער סביבה,
כבוד וויל איך פון אייך האָבן,
כבוד, שניעקעס, גיט אַ ריווע.

„איך בין שעפּס פון שעפּסנלאַנדיע,
פון דעם לאַנד מיט הויכע גראָזן,
גרינע לאָנקעס, זומפּן, טייכן,
און ווו שטרענגע ווינטן בלאָזן.

„ס'לעבן כניאַקעס דאָרט און פּויערן
און חזרים גאַנצע ראַטעס,
האָבן מיר געלעבט, געהוליעט
און געוואַלגערט זיך אין בלאָטעס.

„וואָס מיר לעבן וועגעטאַריש,
נאָר פון גראָזן, שעפּסן־פּאַשע?
פון חזרים־טראָג געפרעסן,
נישט געפרעגט קיין דולע קשיה.



„פּעט געוואָרן דאָרט אין רחבות
געלעבט אין תענוג, עולם הזה,
ביז אַ טאָג, אַ קלאָג די יאָרן,
ס'האָט פאַרכאַפּט דאָרט אַ זאַראַזע.

„פון דעם ווילטאָג, די הוליאַנקעס,
און דעם שמוץ אין בלאָטעס, זומפּן
זיינען מיר געוואָרן קרעציק
און פאַרשטונק'נע פאַרכעס, לומפּן.

„אין אַ טאָג עס איז געקומען
אַן אינספּעקטאָר אונדז באַקוקן.
אוי, ער האָט געמאַכט געוואַלדן
און באַטאַפּט מיין בויך און רוקן.

„און געטענהט, כ'בין קיין שעפּס נישט,
נאָר אַ חזיר מיט אַ פּאַרך,
כ'בין נישט ווערט קיין פּרוטה גאָרנישט,
נישט מיין פלייש און נישט מיין מאַרך.

„און מען זאָל מיך שוין דערוועטערן,
ר'האָט דערקלערט מיט זיינע רעיות,
ווייל אַ שעפּס אַ פּאַרך קען גאָר
מאַכן פאַרכיש אַלע חיות.

„יאָ, דער ערל דער אינספּעקטאָר
ר'איז דערגאַנגען מיינע יאָרן . . .
כ'האָב פאַרשטאַנ' דעם מוסר השכל
פון זיין שפּרוך דעם שאַרפן, קלאָרן.

„איצטער זעט איר, כ'בין נישט קרעציק,
כ'האָב געטובלט מיך, געבאָדן,
וואַלגער מיך נישט מער אין בלאָטעס,
בין מיט קרעץ נישט מער באַלאָדן.

„איר פאַרשטייט גוט, שעפּסן־לעמער,
שעפּסן־מענער, שעפּסן־ווייבער,
בין איך איצט צו אייך געקומען
צו דער סטאַדע און דעם טרייבער.

„איך בין שעפּס פון שעפּסנלאַנדיע
און איך ברענג אייך קלאָרע רעיות,
אַז אַיין שעפּס אַ פּאַרך קען גאָר
מאַכן פאַרכיש אַלע חיות".

### י. ל. פיין

## משה עובד׳ס אויסשטעלונג•

זיין סקולפטור, זיין „יזכור מנורות״, און די דערשיינונג פון דעם צווייטן טייל „וויזשיאַנס־ענד־דזשועלס״ אין ענגליש.

פרייטאָג, דעם 22־טן פעברואַר, פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָט זיך געעפנט אין דער „פּאַילס אַרט גאַלערי״ משה עובד׳ס אַן אויסשטעלונג.

דאָס איז אַ זאַנדערבאַרע אויסשטעלונג וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן, ווייל כאָטש דער קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג באַרופט זיך אויף „ —אַן עקסהיבישאַן־און־סקאַלפּטשור״ (אַן אויסשטעלונג פון סקולפּטור) איז אָבער די אויסשטעלונג אויך פאַרבונדן מיט דער דערשיינונג פון זיין בוך „וויזשיאַנס־ענד־דזשועלס״, וואָס איז דער צווייטער טייל פון משה עובד׳ס אויטאָביאָגראַפיע.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. אַחוץ זיין סקולפּטור און ענגליש בוך, איז אויך אויסגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ בוך זיינער אונטערן נאָמען „יזכור מנורות״, אַ פּאָעמע אויף יידיש, וואָס האָט אַ גרויסע שייכות, אויב ניט די הויפּט שייכות, מיט זיין סקולפּטור שאַפונג. אַט דערפאַר איז עס אַזאַ זאַנדערבאַרע אויסשטעלונג. און ניט נאָר איז די אויסשטעלונג זאַנדערבאַר אין אינהאַלט נור אויך די אַטמאָספערע פון דער אויסשטעלונג, און די אַרט און ווייזע ווי די דערעפנונג איז דורכגעפירט געוואָרן, און אַפילו דער עולם וואָס איז צו דער דערעפנונג געקומען, איז אויך געווען זאַנדערבאַר און אויסערגעוויינלעך ווי קיין אַנדערע אויסשטעלונג פון אַן ענלעכן כאַראַקטער.

#### די זאַנדערבאַרע דערעפנונג

עס פירט זיך געווענלעך אַז ווען סאַי וועלכע אויסשטעלונג ווערט אַראַנזשירט, ווערט אַ טאָג פריער געמאַכט אַ „פּריוויו״, ד.ה. אַ פאָראויסזען פון דער באַטרעפנדער אויסשטעלונג, צו וועלכער עס ווערן איינגעלאַדן בלויז פאַרטרעטער פון דער פרעסע און געציילטע קריטיקער און פּאַבליית פון דעם באַטרעפנדן פאַך צו וועלכן די אויסשטעלונג באַלאַנגט. די צייטונגס פאַרטרעטער נעמען געווענלעך פאָטאָגראַפיעס פון די זאַכן וואָס געפעלט זיי אַמבעסטן אויף דער אויסשטעלונג, און דערמיט גרייטן זיי צו דעם אינטערעס פון ברייטן עולם צו קומען צו דער אויסשטעלונג. עס איז אויך אַ שטאַרקער מנהג ביי אַזעלכע געלעגנהייטן אַז די אָפיציעלע דערעפנונג ווערט דורכגעפירט פון אַ פּראָמינענטע געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייט ווי צ.ב.ש. אַ מעיאָר, אַ מעמבער פון פּאַרליאַמענט א.ד.ג. אַזוי פירט זיך ביי די ענגלענדער.

עס איז אויך אַלעמען באַוווסט אַז די ענגלענדער זענען זייער אָבערגלויבעריש וועגן דעם טאָג — פרייטאָג, וואָס זיי האַלטן פאַר אַ שלים־מזל׳דיקן טאָג, און זיי מיידן אויס, ווי ווייט מעגלעך, ניט אָנצופאַנגען עפּעס אַ נייע זאַך אין אַ פרייטאָג. אפילו ביי אונז יידן איז דאָ אַ גמרא וואָס זאָגט — „אין מתחילין בב׳ ד׳ ו׳״ (מען זאָל נישט אָנפאַנגען קיין נייע אונטערנעמונג אין אַ מאָנטאָג, אַ מיטוואָך אָדער פרייטאָג). אָבער משה עובד האָט אויסגעקליבן



גראָדע ערב־שבת פאַר דער דערעפנונג פון זיין אויסשטעלונג. אַט דאָס אַליין איז זאַנדערבאַר. אָבער נאָך זאַנדערבאַרער איז געווען די צערעמאָניע פון דער דערעפנונג. ניט מיט קיין רעדע פון עפּעס אַ „קאַרפּן־קאָפּ״ האָט זיך די אויסשטעלונג געעפנט, נאָר מיט אַ יידיש ליכט־בענטשן.

די באַרימטע, חנ׳עוודיקע יידישע זינגערין חנה מעצגער האָט די שבת ליכט געבענטשט, מיטן באַוווסטן יידישן ליד „ליכט־בענטשן״, און דאָס איז געווען די אָפיציעלע דערעפנונגס־צערעמאָניע פון דער אויסשטעלונג! און אַפילו די ליכט בענטשן איז אויך פאַרגעקומען אויף אַ זאַנדערבאַרן אופן. די צוויי מעשענע לייכטער (פון משה עובד׳ס קאָלעקציע) זיינען געווען אַזוי הויך, און די צוויי יום כפור ליכט וואָס האָבן אין די לייכטער געשטעקט זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז חנה מעצגער האָט זיך געמוזט שטעלן אויף אַ שטול כדי צו קענען דערגרייכן מיט דער שוועבעלע אָנצוצינדן די ליכט. אַזאַ סאָרט דערעפנונג פון אַן עפנטלעכער אויסשטעלונג, און אויך אַזאַ סאָרט ליכט־בענטשן, קען מען זיכער אין ערגעץ ניט זען נאָר ווי ביי משה עובד.

#### ..דער זאַנדערבאַרער עולם

באַרימטע קינסטלער — מענער און פרויען — פון טשעלסי, באַוווסטע ליטעראַטן און קריטיקער פון בלומסבורי, האָבן זיך געדריקט און געשטופּט צוזאַמען מיט די „פיינשמעקער״ פון ווייטשעפּל. טיטולירטע „ליידיס״ וועלכע זענען נאָענט צום קעניגלעכן הויף האָבן זיך אין דער ענגשאַפט פון גרויסן עולם געריבן פּלייצע צו פּלייצע מיט די יידישע ווייבער פון דער איסט־ענד. ענגלישע „יאַהודים״ וואָס וויכן פון אַ יידיש וואָרט ווי אַ טייוול פון ווייררוך, האָבן געלעקט די פינגער פון חנה מעצגערס יידישע פאָלקס לידער. איר איינלייטונג אויף ענגליש צו יעדן יידיש ליד וואָס זי האָט געזונגען איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט אַז ניט נאָר די „יאַהודים״, נאָר אַפילו די ענגלישע ענגלענדער, האָבן פאַרשטאַנען משה עובד׳ס ליד — „יינגעלע, יינגעלע, זאָג מיר וואָס איז אַן אלף״ — וואָס חנה מעצגער האָט אַזוי האַרציק געזונגען. און שפּראַכן האָט מען דאָרט געהערט! ווי ביי די יונייטעד ניישאַנס. „פּריינט פון יידישן לשון״ וועלכע זיינען קיין ע״ה געקומען אין אַ היבשער צאָל, האָבן זיך געלאָזט ווילגיין אויף יידיש פון אַלערליי דיאַלעקטן: ליטווישער יידיש, אוקראַאינער יידיש, גאַליציאַנער יידיש, דייטשמעריש יידיש א.ז.וו. האָט זיך געהערט פריי איבערן זאַל. אַחוץ עברית, רוסיש, פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש, אַפילו שפּאַניש און איטאַליעניש האָט מען דאָרט אויך געהערט רעדן. אַזאַ געמישטער עולם איז דאָרט געווען.

#### די זאַנדערבאַרע אויסשטעלונג

די אויסשטעלונג באַשטייט פון 36 שטיק סקולפּטור וואָס משה עובד האָט געשאַפן אין בראָנז, מעש, קופּער און אַפילו אַ „קיביצער״ שאַך וואָס איז פון גאָלד און זילבער אויסגעגאָסן. דאָס ווערט פון דער אויסשטעלונג, לויט נאָך די פרייזן פון קאַטאַלאָג, באַטרעפט אַ סומע פון צוויי טויזנט, צוויי הונדערט און צוויי און זעכציק פונט, אַחוץ דעם שאַך וואָס איז ניט צום פאַרקויף. יעדער

קעגנשטאַנד פון דער אויסשטעלונג איז אָדער מיסטיש, אָדער סימבאָליש אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. פונקט אַזוי ווי די צאָל 36 וואָס איז בגמטריא — ל״ו, איז געשאַפן פון קינסטלער מיטן אַבזיכט צו סימבאָליזירן די למד־וואָווניקעס — די 36 געהיימע מיסטיקער. צווישן די בראָנז און מעש פיגורן זעט איר דאָרט אַזעלכע זאַכן ווי צ.ב.ש.: שבת רוה; דער באַפליגעלטער מענטש; דער יונגער מיסטיק; באַגינען; בין־השמשות; די גוטהאַרציקע הינדל; משיח׳ס עזעל; דער יידישער לייב; די מוטער רחל; און אַזוי ווייטער.

אָבער איבער אַלעס זיינען די מנורות. דאָרט זעט איר — „די מאַמע רחל־מנורה״; אַ מנורה אויף „אַ מגילה־אָן־ווערטער״; אַ מנורה געמאַכט פון אַ „יידיש טייבעלע״; אַ מנורה פון אַ ווילדער חיה; אַ מנורה פון „נשר ישראל״; (יידישער אָדלער); צוויי מנורות פון „צבי־ישראל״, (דער הירש פון ישראל), איינער איז דער שטאָלצער הירש און דער צווייטער איז דער גלות הירש. אַ מנורה פון „שטורם־ווינט״; אַ מנורה פון „שעיר לעזאזל״; אַ מנורה פון „שופר און שווערד״; אַ „געטלעך געשטאַלטלאָזע״ מנורה, און צו לעצט — די „מנורה פון האָפנונג״ אין דער פאָרמע פון אַ יונגען שטאַרקן בוים וואָס וואַקסט באַלד מיט אַ פרוכט־וואָזע אַרום זיך פאַר די יונגע זאַפטיקע פירות . . .

אַזוי געפינט מען דאָרט אָנגעשטעלט צוועלף מנורות, סימבאָליזירנדיק די צוועלף שבטים, און צוועלף פאַרשידענע סימבאָליש־מיסטישע געשטאַלטן. יעדע מנורה האָט זעקס ליכט רערן, וואָס סימבאָליזירן די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן, און ביי יעדער מנורה ליגט משה עובד׳ס פראַכטפולער בוך — „יזכור מנורות״, אָפן פאַר אַלעמען, צו לייענען די האַרציקע יידישע פערזן געווידמעט צו דער באַטרעפנדער סימבאָל־מנורה. אָט די מנורות האָבן געצייגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע וואָס פאַרשטיין קונסט און מיסטיק, און דער אָפענער בוך מיט די יידישע אותיות און מיט די פאָטאָגראַפיעס פון די באַטרעפנדע סימבאָלישע מנורות האָט, דוכט זיך, געלאָזט זיך לעזן און פאַרשטיין אַפילו פון די וואָס קענען ניט דעם יידישן אלף־בית.

### דער זאַנדערבאַרער קינסטלער

משה עובד אַליין איז אַ זאַנדערבאַרער מענטש. ער איז אַ מיסטיקער, אַ סימבאָליקער, אַ קאַבאַליסט, אַ מעסיאַניסט, אַן אימפרעסיאָניסט און עקספרעסיאָניסט, מיט איין וואָרט — ער איז אַ שמעלץ־טאָפ פון אַלעס, און דערפאַר איז אַלעס וואָס ער שאַפט אַ צוזאַמענגוס פון אַלעס. אַזוי ווי איך בין ניט קיין קונסט קריטיקער קען איך ניט אָפשאַצן זיין סקולפטור שאַפונג פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפונקט. נאָר ווען איך וואָלט אַפילו געווען אַ קונסט קריטיקער וואָלט איך אויך ניט געוואַגט עס צו טאָן, ווייל זיין שאַפונג האָט ניט קיין באַשטימטע ליניע וואָס מען זאָל קענען צושרייבן צו דער, אָדער יענער קונסט־גרופע אָדער ריכטונג. משה עובד איז אַ קינסטלער־גרופע און אַ קונסט־שולע פאַר זיך אַליין. ער פאָלגט ניט נאָך קיינע אויסגעטראָטענע וועגן, נאָר ער טרעט אויס זיינע אייגענע וועגן אויף זיין אייגענעם שטייגער. אין דער פלאַסטישער קונסט שאַפט ער זיינע אייגענע פאָרמען און ליניען. פונקט ווי אין זיין פראָזע און דיכ־



טונג שאַפט ער זיין אייגנאַרטיקן מעטער און ריטם. משה עובד, און זיין פאָע־זיע, לאָזט זיך פירן פון זיין מוזע בלינדערהייט מיט אויסדרוקן אָדער מיט איינדריקע, מיט רעאַליזם אָדער מיסטיפיזם, און אין זיין פלאַסטישער שאַפונג טוט ער פונקט דאָס זעלבע. ער לאָזט זיך פירן בלינדערהייט פון זיין פאַנטאַזיע און ס׳קומען אַרויס פאַנטאַסטישע שאַפונגען, מעג עס זיין סימבאָליש, מיסטיש, רעאַליסטיש, אים קימערט עס ניט, אַזוי לאַנג ווי ער דריקט אויס זיין פאַנטאַזיע אין אַ פאָרם ווי ער שטעלט זיך פאָר.



משה עובד — דער האַרכער

ניט אומזיסט האָט די גרויסע ענגלישע צייטונג — די „ניוס־קראָניקל" אָפּגעגעבן גאַנצע 36 אינטשעס פאַר משה עובדאָס בילד און צושריפט יענעם פרייטאָג ווען די אויסשטעלונג האָט זיך געעפנט, ווייל משה עובד דער אַניטקוואַר איז אַליין אַ זעלטענער אַנטיק. משה עובד האָט דורך אָט דער אויסשטעלונג זיינער געוויזן די אַסימילירטע ענגלישע יידן אַז מען דאַרף זיך מיט יידיש ניט שעמען. די יידישע מנהגים, דאָס יידיש וואָרט און יידיש בוך, דאָס יידיש ליד, דעם יידישן חורבן און דעם יידישן ווייטאָג; די יידישע קונסט, די יידישע האָפנונג און אַלעס וואָס איז יידיש, האָט משה עובד אויסגעשטעלט פאַר דער ענגלישער עפנטלעכקייט עס צו זען, עס צו לערנען און צו אַכטן. עס איז גאַנץ מעגלעך אַז דער „משיח־עזעל" אָדער די „יידישע טייבעלע"; די „מוטער רחל" אָדער דער „יידישער אָדלער" פון זיין בוך יזכור מנורות, וועט געפינען אַן אויבן־אָן ערגעץ אין אַ צימער פון קעניגלעכן הויף אָדער אין דער הויז פון אַן ענגלישן נאָבלמאַן. משה עובד׳ס אויסשטעלונג האָט געבראַכט אַ תיקון צום יידישן וואָרט און צו דער יידישער קונסט, און דאָס איז דער העכסטער מאָראַלער דערפאָלג פון דער אויסשטעלונג. אפשר וועלן די אַסימילאַטאָרן אַ מוסר השכל דערפון לערנען?

---

* די אויסשטעלונג איז אין פאַ״ל׳ס אַרט געלערי, טשערינג קראָס רויד, און וועט בלייבן אָפן ביזן 22־טן מערץ. דער איינטריט איז פריי (די רעד.)

---

יוסף אייזענבערג

## דאס דענישע פאלק ברענגט די יידן אין זיכערקייט קיין שוועדן

(שלוס)

די אייגנטלעכע ראַציאַ האָט זיך אָנגעהויבן ערב ראש השנה ביינאַכט, דעם 1־טן אָקטאָבער 1943 און אויף צו מאָרגנס האָט די פרעסע און ראַדיאָ געבראַכט אַ מעלדונג, מיט זידלערייען אויף די יידן און אַז „די יידן ווערן אויסגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפט און דאָס דענישע מיליטער ווערט באַפרייט פון דער אינטערנירונג". די דייטשע אויסרעכנונג איז געווען אַ קלאָרע: גראָד אין ראש השנה, די יידן וועלן זיין אין סינאַגאָגע און אין דער היים כדי צו פייערן דעם גרויסן יום טוב, מען וועט זיי נאָר דאַרפן איינזאַמלען און אָוועקשיקן.

אָבער די דעמיסיאָנירטע מיניסטאָרן, די באַאַמטע, פאָליציי, פאָרשטייער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָבן אַלע געדינט אַלס געהיימע שליחים, כדי ווי אַם שנעלסטן צו פאַרשפרייטן די ידיעות צווישן די אַנגסטלעכע און טייל שוין אויסבאַהאַלטענע יידן און די יידישע אַקציע האָט זיך כמעט נישט איינגעגעבן. די יידן זיינען אויסבאַהאַלטן געוואָרן ביז עס איז געשאַפן געוואָרן שיפס־געלעגנהייט. דאָקטוירים האָבן יידן פאַרשריבן אין שפיטאָל אויף דענישע נעמען, זאָגאָר אַריינגעלייגט אין משוגעים הייזער. די טראַנספאָרטן זיינען אויסגעפירט געוואָרן פון אַמבולאַנצן. אָבער אויך דאָס איז פון די דענישע



נאַציס אויסגעפונען געוואָרן. אייניקע דאָקטוירים זיינען דורך די ס.ס. אומגעקומען. עס זיינען געווען שרעקלעכע טעג. דער טעראָר האָט געהערשט ווי קיין מאָל נישט פריער אין דענמאַרק.

אַ גרופּע פון עטלעכע און צוואַנציק יידן מיטן יושב־ראש פון קרן קימת עריך הערץ זיינען געשטאַנען אין אַ האַפן גרייט אָפּצופאָרן. עס איז אָנגעקומען דענישע פאָליציי און אַלע אַרעסטירט און אין פאָליציי אויטאָס אָפּגעפירט קיין קאָפּענהאַגען און צו מאָרגנס געשטעלט זיי פאַר אַ שופט. נאָכן פאַרהער זיינען זיי באַפרייט געוואָרן ביז צום משפט „פאַרן וועלן אַריבערגיין די גרעניץ אומלעגאַל". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טראַנספּאָרט איז אויסגעגעבן געוואָרן צו די דייטשן און אַ גרויסער פּאַטרול ס.ס. זיינען געווען אויפן וועג צום האַפן, כדי זיי אויפצוכאַפּן.

עס זיינען שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז עס ליגן צוויי דייטשע שיפן אין אויסערן האַפן און וואַרטן כדי צו טראַנספּאָרטירן די יידן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן. עס איז געלונגען די דייטשן אויפצוכאַפּן בערך פינף הונדערט יידן, מייסטנס עלטערע, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן, „ווייל מען מיינט זיכער נישט זיי", אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען נישט געווען אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער געמיינדע, און פון די אויפגעכאַפּטע שיפלעך פון די דייטשע וואַסער פּאַטרולן.

די געפאַנגענע זיינען געפירט געוואָרן אין מיליטערישע איבערגעדעקטע אויטאָס. די דענישע פרייהייטס קעמפער האָבן אָפט טאָרפּעדירט אַזעלכע וועגן, פאַראורזאַכט צוזאַמענשטויסן און אויף אַזאַ אופן באַפרייט די אַרעסטירטע, אָפטמאָל אין פאַרוווּנדעטן צושטאַנד..

אינטערעסאַנט איז אַז אין דענמאַרק געפינען זיך בערך זעקס טויזנט יידן און קיין שוועדן זיינען אַנטלאָפן בערך זיבעצן־אַכצן טויזנט. האַלבע, פערטל און זאָגאָר אַכטל יידן האָבן זיך געפילט אין סכנה און זיינען אַנטלאָפן.

דער שוועדישער קעניג גוסטאַוו דער פינפטער האָט שוין פריער געהאַט אָנגעבאָטן דייטשלאַנד צוצונעמען אַלע דענישע יידן. שוועדן האָט שוין צו דער צייט געהאַט איינגעבירגערט פילע טויזנטער אונגאַרישע יידן. אָבער דער „פירער" ימח שמו האָט אפילו נישט געענטפערט דערויף.

אין שוועדן האָט דאָס פאָלק אויפגענומען די דענישע יידן מיט אַ האַרציקן ברוך־הבא: „אָרימע סקאַנדינאַווישע ברידער". די שפּייז צוטיילונגען אין שוועדן זיינען געווען זייער קליינע, אָבער אַלע מענטשן האָבן געבראַכט זייער לעצטע, כדי צו באַשפּייזן די הונגעריקע „פליכטלינגע פון דענמאַרק". דער טראַנספּאָרט האָט אָפט געדויערט לאַנג. אָפט זיינען די מענטשן געווען אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט, און דעריבער זיינען די מייסטע געווען גוט אויסגעהונגערט און פאַרפרוירן און האָבן זיך גענויטיקט אין אַ ביסל וואַרעמקייט און האַרציקייט, וואָס זיי האָבן אויך רייכלעך באַקומען.

די דאָזיקע עשרת ימי תשובה זיינען געווען די טרויעריקסטע אין דער דעניש־יידישער געשיכטע. עס האָט זיך זיי נישט געוואָלט גלייבן, אַז אויך זיי

וועלן מוזן אָפּפערן צום נאַצי מולך, וועלן האָבן קרבנות, וועלן מוזן פאַרלאָזן האָב און גוטס און אַנטלויפן, אַנטלויפן ווי אַ געיאָגטער האָז, ווי אַ חיה אויף וועלכער די יאָכט איז פריי. די וואָס זיינען שוין מזל׳דיק אַריבערגעקומען קיין שוועדן האָבן כאָטש געוווסט אַז זייער לעבן איז געראַטעוועט, כאָטש אויך דאָ זיינען געווען גענוג טראַגעדיעס. משפחה מיטגלידער זיינען צושיידט געוואָרן און מען האָט לאַנג נישט געוווסט איינער פון צווייטן, מען האָט געהערט אייניקע שיפלעך זיינען דערטרונקן געוואָרן, אַנדערע פון די נאַציס אויפגעכאַפּט. אָבער נאָך ערגער איז געווען פאַר די וואָס האָבן זיך נאָך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין דענמאַרק. וועלן זיי זיך קענען ראַטעווען? ווו זיינען איצט זייערע אַנגעהעריקע? אַזוי האָבן די דענישע יידן איבערגעלעבט די עשרת ימי תשובה, יעדער מיט זיין וויי, יעדער מיט זיין קלאַג, און דאָס ערשטע מאָל וואָס די חזנים בעת זיי האָבן אין שוועדן מתפלל געווען האָבן אמתדיק געוויינט אויף אייגענע און אויף דער קהילה׳ס צרות.

עס געשייט אָפט, אַז מענטשן לייגן די האַנט אויף זיך, פונם ענטוישונג אין ליבע און אידעאַלן, אָבער אין מענטשן עס טרעפט אויך אויס נויט. נאָר דאָ ביים אַנטלויפן פון די נאַצי־מערדער קיין שוועדן, איז עס געווען אַ פּראָטעסט קייגן די „וועלט וואָס קוקט זיך צו צו דער ווילדער בעסטיעס טומלען, ברענען און פאַרניכטן און נעמען נישט אָן די נויטיקע מיטלען אָפּצושטעלן דאָס פאַרציקן פון מענטשן און גוטס... אייניקע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן: דר. פילאָזאָף יוסף דאַווידסאָן און זיין פרוי, וואָס מען האָט געפונען אין נאָרד־זעלאַנד אין אַ וואַלד. עס האָט אויסגעזען אַז זיי זענען שוין געווען טויט אַ צייט, און מען האָט נישט געקענט פעסטשטעלן צי זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן, אָדער זיך אַליין ס׳לעבן גענומען. דאָס דענישע פאָלק און באַזונדערס די יידן האָבן אין דר. דייוויִדסאָן פאַרלוירן אַ גרויסן וויסנשאַפטלער, וואָס איז געגאַנגען אויפן וועג פון געאָרג בראַנדעס. דר. דייוויִדסאָן, כאָטש געבוירן אין דענמאַרק זייט אייניקע גענעראַציאָנען, האָט גערעדט און געשריבן אַ שיינעם ליטעראַרישן יידיש. ער האָט באַזוכט די ייוואָ אין ווילנע און זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידישער יוגנט. דער באַרימטער דיכטער און שרייבער הענרי נאַטאַנסאָן, האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד שוין זייענדיק אין שוועדן.

דער שוין גוט באַקאַנטער פּוילישער ייד, קאָמפּאָניסט פון יידישע פאָלקס מוזיק חיים ריטערבאַנד, האָט נישט געקענט איבערטראָגן די באַליידיקונגען וואָס נישט נאָר די היטלער באַנדעס, נאָר די גאַנצע מענטשהייט האָט באַגאַנגען קעגן דעם יידישן פאָלק און שוין אין שוועדן פאַרזוכט זעלבסטמאָרד און איז שפּעטער אונטער גרויסע ליידן געשטאָרבן. זיין גוף איז נאָך דער באַפרייאונג געברענגט געוואָרן צו קבורה אין קאָפּענהאַגן.

די יידן וואָס האָבן געהאַט אַדרעסן האָבן, נאָך דער געהעריקער רעגיסטראַציע, געקענט ווייטער פאָרן אויף די שוועדישע שטאַטס קאָסטן. אַנדערע זיינען געבראַכט געוואָרן אין שולעס, האָטעלן, ווילעס. גאַנצע דערפלעך אָדער שטעטלעך זיינען פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פליטים לאַגערן. ווער עס



האָט נישט געהאַט גענוג וואַרימע קליידער, האָט עס באַקומען. עס זיינען באַלד געגרינדעט געוואָרן פליטים קאָמיטעטן, וואָס האָבן פון דער שוועדישער רעגירונג באַקומען געלט מיטלען אויסצוהאַלטן די וואָס האָבן נישט געקענט אַרבעטן. קראַנקע זיינען געקומען אין שפּיטעלער אָדער אין קאָנוואַלעסענט היימען. שפּעטער זיינען אויך געקומען אַ סך פרייהייטס קעמפער און אין 1944 איז אויך אויף דער פּאָליציי געמאַכט געוואָרן אַן איבערפאַל און אַ צוויי טויזנט זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, ווו פילע זיינען אומגעקומען. אָבער נאָך מער האָבן זיך געראַטעוועט קיין שוועדן. מען רעכנט אַז עס זיינען צולעצט געווען איבער פופציק טויזנט פליטים פון דענמאַרק.

אַ יונגערמאַן, דוד ישראל, איז פון שוועדן אונלעגאַל צוריקגעפאָרן קיין דענמאַרק, האָט זיך אַריינגעקראָגן אין דער שול און מיט דער הילף פון פרייהייטס קאָמיטעט איז אים געלונגען איינצופּאַקן און אַרויסצופירן אַ צוואַנציק קאַסטענס ספרי תורה, טליתים, פרוכתן, מחזורים, סידורים א.אַז.וו. קיין שוועדן.

אין שוועדן האָבן די דענער אָרגאַניזירט אַ בריגאַדע, וועלכע איז פון דער שוועדישער רעגירונג באַוואָפנט געוואָרן. דער פּלאַן איז געווען, אַז אין אַ באַשטימטן טאָג זאָל די בריגאַדע, מיט די אַליאירטע מיליטער־כוחות, שטייגן אין לאַנד און העלפן באַפרייען די מדינה. אין דער בריגאַדע זיינען נאַטירלעך געווען אַ סך יידן.

די שוין דערמאָנטע דייטשע שיפן האָבן טאַקע טראַנספּאָרטירט די יידן, אָבער נישט מער ווי בערך פינף הונדערט. זיי זיינען ערשט געברענגט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, פון דאָרט, אין געוויינלעכע וואַגאָנען וואָס מען פירט בהמות, טראַנספּאָרטירט קיין טערייזיענשטאָט, אין טשעכאָסלאָוואַקיע. די ערשטע זעקס חדשים האָבן די דענישע יידן געליטן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, פון הונגער, קראַנקהייט, מאַנגעל אין מעדיצין, ריינלעכקייט, ביי שווערער שקלאַפן אַרבעט. אָבער די דענישע גלחים, וואָס האָבן אין זיבעצנטן יאָרהונדערט פאַרפאָלגט יידן, האָבן איצט אונבאַוווסט געזוכט דעם פעלער צו פאַרריכטן. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַן אַקציע לטובת די יידן. מען זאָגט אפילו, אַז די רעגירונג האָט אין געהיים געגעבן דאָס נויטיקע געלט. און עס איז יעדן איינעם געשיקט געוואָרן לעבנסמיטל און מעדיצין, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען דאָרט געווען. עס ווייזט אויס אַז די נאַציס האָבן זיך דאָך גערעכנט דערמיט, ווייל דורך טערעזיענשטאָט זיינען אַדורך אַ סך טויזנטער יידן אין די פאַרניכטונגס לאַגערן פון וועסט אייראָפּאַ. אָבער די דענישע יידן זיינען נישט געקומען אויפן „טראַנספּאָרט". איין מאָל האָט מען זיי יאָ פאָרגעלייגט, אַז „אַ טייל קענען פאָרן קיין שווייץ". אָבער דער „יודנראַט" האָט זיך משואל־עצה געווען און האָבן געענטפערט אַז „ענטוועדער מוזן אַלע פאָרן, אָדער אַלע בלייבן".

דורך דעם דענישן רויטן קרייץ און פון מאַסגעבענדע שטעל איז אויסגעווירקט געוואָרן אַז אַ קאָמיסיע זאָל פאָרן און אונטערזוכן די פאַרהעלטענישן אין טערעזיענשטאָט. די דייטשן האָבן געוואָלט דער וועלט „באַווייזן", ווי מוסטערהאַפט עס לעבט זיך אין זייערע קאָנצענטראַציע לאַגערן. זיי האָבן, די יידן,

געלאָזט רייניקן די גאַסן, געעפנט „געשעפטן“ ווו די געפאַנגענע האָבן געקענט „קויפן“ פאַר זייער „פאַרדינטן געלט“. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גאַנצע גאָרטן־שטאָט, מען האָט די שטאַרקסטע און פעטסטע אויסגעשטעלט, געהייסן לאַכן און געפילמט „דאָס לעבן אין דייטשן נאַצישן גן־עדן“.

ענדלעך איז די קאָמיסיע געקומען און האָבן שנעל קאָנסטאַטירט, אַז פאַר דעם פאַרדינטן „יידישן לאַגער געלט“ האָט מען געקענט קויפן מושטאַרדע... די קאָמיסיע האָט מיטגעבראַכט אַ באַזונדערן גרוס פון קעניג קריסטיאַן דעם צענטן, פאַר די דענישע יידן און איבערגעגעבן צום אָבער־ראַבינער דר. מאַקס פרידיגער, וועמענס זון איז אויך דאָרט געווען. דר. פרידיגער איז אויך געווען מיטגליד פון „יודנראַט“ און האָט אָפטמאָל געמוזט אונטערשרייבן דעם „אויסוואַל פון די טראַנספאָרטן“.

פון די דענישע יידן זיינען בערך 12% נישט צוריקגעקומען, געשטאָרבן, באַזונדערס אין דער ערשטער שווערער צייט.

עס איז אין געהיים פאַרהאַנדלט געוואָרן מיט די נאַצישע פירער, וועלכע האָבן שוין אָנפאַנג יאָר 1945 געקענט איינזען, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם קריג. די נאַצים האָבן זיך, אויף להבא, געוואָלט זיכערן אַ מקום מקלט, און זיינען דעריבער אויף געוויסע באַדינגונגען איינגעגאַנגען צו באַפרייען די דענישע יידן. שפעטער איז אויך פאַרהאַנדלט געוואָרן וועגן אַנדערע יידן.

די איניציאַטיוו האָבן גענומען דער לעטישער ייד וואָס וווינט אין שוועדן, הילל שטאָרך, און דער אין דייטשלאַנד געבוירענער, שוועדישער בירגער, דירעקטאָר נאָרבערט מאַזור, וועלכער איז אין דער ספעציעלער מיסיע געפאָרן קיין דייטשלאַנד און פאַרהאַנדלט מיט הימלערן, און ווען דער אָפמאַך איז געווען געשלאָסן, האָט מען זיך ערשט געווענדעט צום גראַף פאָלקע בערנאַדאָטע, וואָס איז געווען דער לייטער פון שוועדישן רויטן קרייץ, כדי צוצושטעלן די נויטיקע טראַנספאָרט מיטלען, מאַנשאַפט, דאָקטוירים, מעדיצין א.אַז.וו. דער טראַנספאָרט קיין שוועדן האָט אָנגעהויבן דעם 9־טן אַפריל 1945, גראָד פינף יאָר נאָך דער אָקופאַציע. צוערשט די דענישע יידן און דערנאָך נאָך אַ זעכצן־זיבעצן טויזנט אַנדערע, מייסטנס פרויען. עס איז געווען אַ באַדינג, אַז די טראַנספאָרטן דורך דענמאַרק מוזן דורכגיין אונבאַמערקט, כדי אויסצומיידן דעמאָנסטראַציעס. דעריבער איז מען הויפטזעכלעך געפאָרן אין הינטערשטעט און ביינאַכט.

די לעצטע טראַנספאָרטן זיינען פון די אַליאירטע מלחמה־כוחות אָנגעגריפן געוואָרן, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס ווערט דייטש מיליטער טראַנספאָרטירט, און אַ טייל אינוואַלידירטע פרויען זיינען איבערגעלאָזן געוואָרן אין די דענישע שפיטעלער.

דער אַהיימפאָר: אין אָוונט דעם 4־טן מאַי 1945 האָט מען דורכן ענגלישן ראַדיאָ געהערט, „מאָנטגאָמערי טיילט מיט: די דייטשן האָבן פון 8 אַזייגער מאָרגן פרי קאַפיטולירט פאַר וועסט דייטשלאַנד, האָלאַנד און דענמאַרק“.

די דענישע בריגראַדע, וועלכע איז די לעצטע פערצן טעג געהאַלטן גע־



וואָרן אין אַלאַרם, איז פינף אַזייגער, דעם 5־טן מאַי, געגאַנגען אין לאַנד אין העלסינגאויר, זי האָט געאיילט, נישט נאָר האָט מען געדאַרפט צו ענטוואָפענען די דייטשן, נאָר אויך די דענישע נאַצים, וואָס זיינען אין לויף פון דער צייט צוגעשטאַנען צו זיי און האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, נאָר האָבן ווייטער געקעמפט. עס זיינען אויך געפאַלן קרבנות, צווישן אַנדערע דער ייד זניידער, וועמען מען האָט שפעטער, מיט נאָך צוויי דענישע קאַמעראַדן, געשטעלט אַ דענקמאָל, אויף דעם אָרט ווו זיי זיינען געפאַלן.

דער טראַנספאָרט פון די איבריקע פליטים פון שוועדן איז געווען גוט אָרגאַניזירט. יעדער האָט לויט זיין נומער געקענט אויסרעכענען, וועלכן טאָג ער דאַרף פאָרן. פאַר די וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן ווייטע שטרעקעס איז צוגעשטעלט געוואָרן שלאָף־וואַגאָנען און פאַר קראַנקע ספעציעלע קראַנקן־וואַגאָנען. די טראַנספאָרטן האָבן זיך געצויגן ביז ענדע יוני. ווען די ערשטע טראַנספאָרטן זיינען אָנגעקומען אין קאָפענהאַגענער האַפן, זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט מוזיק און דער אינערן מיניסטער האָט זיי געווונשן ברוכים הבאים, אין נאָמען פון קעניג, פון דער רעגירונג און פון גאַנצן דענישן פאָלק. אויך דער אָבער־בירגערמייסטער האָט באַגריסט די צוריקקומענדע. יעדער דערוואַקסענער האָט אַחוץ די שפייז־קאַרטן באַקומען 50 קר. אויף די ערשטע הוצאות. קינדער האָבן באַקומען 25 קר.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער, אונדערוואַרטעטער קאַמף, אַ נייע קאַטאַסטראָפע, די דירות פראַגע. די מייסטע דירות זיינען שוין געווען באַוווינט פון נייע איינוווינער, „אשר לא ידע את יוסף“ און וואָס האָבן שוין נישט געגלויבט אַז די יידן וועלן זיך אומקערן. מיט אַ סך דירות האָט זיך די קאָפענהאַגענער שטאָטישע סאָציאַל פאַרזאָרגונג אינטערעסירט, באַצאָלט דירה־געלט, פאַרזיכערונגען א.אַז.וו. אָבער דער רוב איז געווען אונבאַשיצט און בעיקר אין דער פאָליציילאָזער צייט אויסגעפלינדערט געוואָרן. אין אַנדערע פאַלן האָבן די ווירטן פאַרקויפט די איינריכטונג מיט אַלעם און די דירה פאַרדונגען, „כדי די דייטשן זאָלן עס נישט איבערנעמען“. און יידן וואָס האָבן זיך געפרייט „אַהיימצוקומען“, האָבן ווידער געמוזט וואַנדערן אין לאַגערן, אין שולעס א.אַז.וו. די יידישע געשעפטלעך, פאַבריקן און פאַבריקלעך, וואָס זיינען פאַרן אַנטלויפן פאַרקויפט געוואָרן פראָפאָרמאַ, האָבן שוין איניקע מאָל געוועקסלט „אייגנטימער“ און עס איז געווען שווער, אויב נישט אונמעגלעך, יורידיש צו באַווייזן די פראָפאָרמאַ קאָנטראַקטן. אַזוי אָרום זיינען אַ סך יידן רואינירט געוואָרן, אַ סך זיינען פון קרענקונג, עגמת־נפש, ענטוישונג, פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט, אַ סך האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט איבערוונדן די עקאָנאָמישע און געזונטהייטלעכע צעבראָכנקייט. דער שטאָט האָט אין אַ סך פאַלן געצאָלט שאָדן־ענטשעדיקונג. אָבער דאָס איז אין די מייסטע פאַלן נאָר געווען אַ ברוך־טייל פון דעם געליטענעם. אַזוי האָבן זיך אָפגעשפילט שטילע טראַגעדיעס וועגן וואָס די געשיכטע ווייסט נישט, אָדער קען נישט דערציילן.

דער בית הכנסת איז ווידער פייערלעך איינגעווייט געוואָרן, די ספרי תורה

און אַלע הייליקייטן זײַנען צוריקגעבראַכט געוואָרן אויף זייער אָרט. לזכר פאַר די וואָס זײַנען פון טערעזיענשטאָט נישט צוריקגעקומען, האָבן די קהילה פאַרשטייער געלאָזט דעם באַרימטן סקולפּטאָר זיגפריד וואַגנער אויסאַרבעטן און אויפשטעלן אַ גרויסן מאָנומענט אויפן בית־חיים, ווו ניט נאָר די נעמען פון די ניט צוריקגעקומענע זײַנען אײַנגעקריצט, נאָר ווו אַלע ידישע גירושים, ווי גזרת ספרד א.א. זענען אײַנגעקריצט געוואָרן. בעת פון די בערך 1,500 יידישע נפשות פון נאָרוועגן האָבן זיך נאָר געראַטעוועט קיין שוועדן בערך 500 און פון די טויזנט דעפּאָרטירטע אין די דײַטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן זײַנען נאָר זעקס (6) צוריקגעקומען, שוין ניט רעדנדיק פון אַנדערע לענדער ווו די קהילות זײַנען אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן, מוז מען זאָגן אַז די דענישע יידן זײַנען „אָפּגעקומען מיט חסד”.

ביים צוויי־און־צוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט דר. חיים ווייצמאַן, דער דאַמאָלטדיקער יושב־ראש פון דער יידישער אַגענץ, געזאָגט: „די געשעענישן, די אויסראָטונג פון די יידן, זײַנען נאָך צו נאָענט, אַז מען זאָל זיי קענען אָביעקטיוו אָפּשאַצן. דאָס וועלן די געשיכטע־שרײַבער ערשט קענען טון. נאָר שוין איצט זאָל געזאָגט ווערן, אַז מיטן אויסנאָם פון גאַנץ ווייניקע קליינע נאַציאָנען, האָט קיינער פון די פעלקער, אָדער רעגירונגען, אויפגעהויבן אַ האַנד, אָדער שטימע כדי צו קומען אונז צו הילף אין אונזער גרויסע נויט”. דר. ווייצמאַן האָט זיכער געדענקט וועגן שוועדישן און ספּעציעל דעם דענישן פאָלק, וואָס געהערן צו די צדיקי עולם, וועלכע האָט זיך ווירקליך מוסר נפש געווען, און האָט דערבײַ געהאַט פיל בלוט קרבנות, כדי צו ראַטעווען זייערע יידישע בירגער פון אונטערגאַנג דורך די דײַטשע בלוטיקע מערדער־בעסטיעס.

## לכבוד פורים

אין דעם גייסטיקן דלפונות, אין וועלכן מיר לעבן דאָ, איז עס אַ סך לייכטער צו טיילן מתנות לאביונים, מיט אַ ברייטער פולער האַנט פון אַ פאַרשלומפערטער פאַטשיילע אַרויס, ווי אַרומצושיקן שלח־מנותער אין אַ ליידיקן טעלער. ווען ס'וואָלט כאַטש אַ לייטיש צוועטל געווען די אָרעמקייט צוצודעקן, מען זאָל די נאַקעטע אָרעמקייט נישט אַרויסזען. אָפילו דאָס וואָס מיר האָבן שוין יאָ איז דאָך אויך אַזוי קבצניש נעבעכדיק.

האָבן מיר אַ בונדישע גרופּע, וואָס איז צו יחוסדיק און צו קלאָסן באַוווסט, דאָ נאָך עפּעס צו וועלן טאָן . . . אָן אַנאַרכיסטישע גרופּע מיט אַ „פאַרגאַנגענהייט”, וואָס רײַסט זיך צום ספּאָדעק נישט אים אָראָפּצורײַסן, נאָר אָנצוטון... אַ מפ״ם וואָס האַלט מיט בײַדע פויסטן פעסט דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַליזם, אַז זי זאָל אים נאָר נישט אַרויסלאָזן... דער מפא״י וויל רק אינוואַדירן די איסטענד מיט „נשפ'ס”, פונקט ווי דער מזרחי און די זייאָניסטן מיט מלוה מלכות... און די קאָמוניסטן מיט די יידישע בעזער וואַרטן אַלץ צו דערשמעקן אַ סוואַנט אויף דער יידישער גאַס... מיר האָבן אויך אַ ייוו״אָ־סעקציע וואָס האָט זיך שוין אָפּגעבריט אויפן ענגליש, וויל זי איצט טאָן וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף



TOWER HAMLETS LIBRARIES

ידיש . . . און דער יידישער אַרבעטער רינג האָט דאָך אַ קולטור קאָמיסיע אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ — איז וואָס קאָן נאָך זײַן „אויב נישט נאָך העכער?” אָבער פון די אַלע גוטע זאַכן קאָן מען קיין איין פּורים קוילעטש נישט מאַכן! און „פּרינץ פון יידיש” הערט מען אויך ווי המן דעם גרעגער!!

אַנומעלט האָט זיך דער „יידישער וועלט קאָנגרעס אָפילו אָנגענומען מיט קוראַזש מכוח אַ „גוטמאַכונג” מיט דער יידישער קולטור... אפשר וועלן מאַנכע, וואָס האַלטן שוין ביי „עד דלא ידע”, מיט זיי זיך אַרײַנלאָזן אין אַ שמועס! יידיש איז יאָ טויט, יידיש איז נישט טויט, אָבער ביז צו דער קרעטשמע ברויך מען דאָך אויך אַ טרונק בראָנפן...

די „יידישע שטימע” וואָס לאָזט זיך שוין הערן אויף דער יידישער גאַס — אַז מאַנכע דרייען שוין אָזש מיט די נעזער, צי מען זאָל יאָ שרײַבן גאָט מיט אַן אלף, צי נישט, — וואָלט מען קאַלעגאַליש געראָטן, די וועטעראַנען פון די אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס מיט אַרײַנצונעמען צווישן די חשובע גבאים און פון „עוזר דלים”, „חסד של אמת” און ביז וואָס ווען . . . זיי אויך צוואָרפן די געהעריקע און בכבודיקע נאָטיצלעך. און זאָל זײַן ששון ושמחה און שלום על ישראל.

אַפּראָפּאָ, אַז מען האַלט שוין ביי צײַטונגען: עפּעס אַ פאַריזער בעל־הביתלדיק צײַטונגל טשעפּעט זיך לעצטנס צו אונז און עפנט אויף אַ מויל ווי זרש אונז אײַנצושלינגען, זאָגן מיר איר, דער חשובער צײַטונג, אויב זי וועט אונז שטעלן צו פאַרפיגונג אירס אַ קאָלום, וועלן מיר זיך זידלען און מזלזל זײַן — און זיך שיקן „שלח מנות”. אונזערס אַ זײַטל איז אונז צו טייער דערצו.

## עפעס איבער אקטיארן-געסט — עס איז דאך פורים !

(שמוליק גאָלדשטיין, אליהו גאָלדענבערג און בערטא גערסטן)

ביים שעפערישן פּראָדוצירער גייט עס אין דעם, זיך אַזוי צו קאָנען אײַנלעבן, זיך מדבק זײַן מיטן אָביעקט מיט וועלכן ער באַשעפטיקט זיך צו ווערן די זאַך גופא, און דעמאָלט הערט אויף די מחיצה פון אָביעקטיוו און סוביעקטיוו, די קינסטלערישע סתירה פון עקספּרעסיע און אימפּרעסיע — די געפאָרעמטע זאַך ווערט אַ לעבעדיקע שלימות פון פאָרעם און אין אינהאַלט.

ביים רעפּראָדוצירער איז דער ענין אַ ביסלע לײַכטער, ווײַל ער דער ווירטואָז, קאָנצערטריסט אָדער רעציטאַטאָר האָט שוין פאַר זיך אַ לעבעדיק מעדיום — צווישן אים און דעם אָביעקט שטייט דער שרײַבער אָדער דער קאָמפּאָזיטאָר. אָבער אויך דער מין איז זייער אַ יקר המציאות.

אויב זיי די ווירטואָזן האָבן אין זיך נישט די אוממיטלבאַרקייט זיך צו קענען פאַרוואַנדלען אינם מדבר וועלכן ער רעציטירט, צי אפילו אין די חיות און אין די דוממס, וואָס זיי שטעלן פאַר, וועלן זיי קיין קינסטלערישע שלימות נישט דערגרייכן.

דער גרויסער רעציטאַטאָר לודוויק האַרד פלעגט זיך פאַרוואַנדלען בפועל ממש נישט נאָר אין דעם פּאָעט וועמענטס ווערק ער האָט רעציטירט, נאָר אָפילו

אינם הונט און אינם שטיין וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט, בשעת לייענען.

אונטער דער האַנט איז ער מיר אַמאָל נעלם געוואָרן בשעת אַ שפּאַציר מיט אים און איז געוואָרן אַ האָז. ער האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר מיר, אַז דאָס איז, לא עלינו, אַ מין גלגול און אַז ער ליידט דערפון ווען עס „קומט אים אָן“.

צו דעם קאַליבער פון קינסטלער געהערט זיכער דעם קאָמיקער שמוליק גאָלדשטיין, וועלכער האָט געשפּילט אין פאַריזער קאַבאַרעט. ווען ער האָט ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג „געמאַכט“ „איך בין אַ יתום“ פון שלום עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס“ איז ער ממש פארוואנדלט געוואָרן אין אַ יתום, נישט נאָר דאָס פּנים, אָן גרים און אָן שמינקע, נאָר דאָס גאַנצע גופל זיינס האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַלע אַטריבוטן וואָס מאַכט פון אַ לעבעדיק קינד, אַ לאַכעדיקס און אַ פריילעכס, אַ יידישן יתום.

און דאָס זעלבע וואונדער, אין נאָך אַ גרעסער מאָס, ווייל ער האָט עס אַרויס־באַקומען אין יעדן ביי־מיטל פון שאַרזש און קאָמיק, נאָר מיט גרויס ערנסט צום אָביעקט אין וועלכן ער איז ממש מגילגול געוואָרן — איז געשען אין אַ צווייטן שבת, ווען דער ישראל קינסטלער, אליהו גאָלדענבערג, האָט רעציטירט דעם „שבת גוי“ פון י. ל. פּרץ. ער גופא איז געוואָרן דער כעלעמער רב און באותו הרגע דער שבת גוי להבדיל, און אָט שרייט פון אים אַרויס דער דבוק פון יענקעלען.



★

דער באַקאַנטער טעאַטראַל און רעצי־טאַטור, לייטער פון קינדער טעאַטער פון ישראל, דראַמאַטורג פון קול ישראל. געוועזענער אָנפירער פון „ענזאַר“
אליהו גאָלדענבערג.

★

און אין „פאָלקס ליד „לעבעדיק יענקל“ איז ער ווידער געוואָרן לעבעדיק און פריילעך אין אַלע דריי: אינם שוסטער, אין שניידער און אינם מלמד.

און אויב גאָלדענבערג האָט אין זיך אָט די אינטואיטיווע אוממיטלבאַרקייט האָבן מיר עס נאָטירלעך געקענט דערלעבן זונטאָג אין בן אורי אַז ער זאָל פאַר אונדזערע אויגן זיך פאַרוואַנדלען אין בער שנאַפּערס הונט און אין לוצ־קיס שטעטל, ווו די ווענט באַקומען אויערן, און מויל און אויגן שטעלן אויף די פענסטער, און יעדער שטיין באַקומט לשון — אַ האַרץ פון שטיין אפילו האָט זיך צעלאַכט!



נישט תמיד „קומט עס אים אָן“ — אָבער ביי די זאַכן וואָס ער דערגרייכט פּערפעקציע איז ער ממש אַ פענאָמען.

„ונהפוך־הוא“ — און עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן! פון דעם מגילה־וואָרט דרינגט די גמרא אויס (דאַכט זיך) אַז פּורים זאָל מען זיך פאַרשטעלן. אפילו דער לאו פון „לא תלבש גבר שמלת אישה“ ווערט בטל. אַז פון דעם־אַ פּסוק איז אַרויסגעוואַקסן אונזער גאַנצע טעאַטער־קונסט און שוישפּילעריי, איז דען אַ וואונדער, אַז מיר האָבן דערגרייכט דאָס גרעסטע דערין? און נאָך היינט, ביי דעם שפל המדריגה פון דעם צווייג פון דער יידישער קונסט, ווייזן זיך נאָך דאָ און דאָרט פענאָמענען?

„וגם חרבונה זכור לטוב“; אפילו אין אונזער גרענד פאָליי טעאַטער וואָס איז די לעצטע יאָרן שוין געוואָרן כמעט אַ מין „טינגל טאַנגל“ פאַר טענצע און געזענגע באַפּעפערט מיט אַ יידישן וויץ, האָט מען זיך, מיט בערטע גערסטן, צוריקגעכאַפּט צו יעקב גאָרדין. גייענדיק צו „מירעלע אפרת“, מיטנעמענדיק אַ פאַר יידישע און נישט יידישע מאָלער און די טענצערין רות בערגנער, האָב איך אַ ביסעלע מורא געהאַט: גלויבט מען דען אַן אוממערסטן מענטשן, וואָס האַלטן אין איין שניידן פּראַצעס און דרייען מיט מויל, ווען ער נעמט שוין יאָ אַן אָן ערנסט פּנים און זאָגט אַן ערלעך וואָרט. והינו הך, אַז אַקטיאָרן האַלטן אין איין זיך פאַרשטעלן, יעדע וואָך אַן אַנדערע מאַכערייקע, וועט עס זיי געלינגען אַרויפּצוציען אַ מירעלע אפרת מיט דער ערנסטקייט פון אַמאָליקער טראַדיציע? וועלן זיי קענען אָפּשטויבן פון זיך דעם שטויב פון די צעטאַנצטע טעאַטער ברעטער און אויף זיך קאָנען אַרויפציען דעם יידישן קאַפּטן פון אַ גאָרדין שטיק, צומאָל?

זיי האָבן באַוויזן דאָס וואונדער, אונזער חברים גרופּע, זיי זיינען אַלע פאַר־וואַנדלט געוועזן די דאָזיקע נאַכט אין פרינצן און די קעניגן פון שטיק איז גע־ווען דער גאַסט, בערטאַ גערסטן.

עס איז נישט געוועזן קיין אסתר רחל — — עס האָט אַפילו געפעלט איר גרויסע טראַדיציע, אָבער דאָך איז עס געווען יידיש טעאַטער און מיט געשמאַק.

און נאָך מער איז דאַנקבאַר דאָס האַרץ, וואָס „ס׳איז נישטאָ קיין אָרעם קהל“ — אָט דאָס־אַ יידישלעכע פאָלקס־טעאַטער, דאָס פּורים שפּיל פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס „האָט זיך נישט צו שעמען צווישן די לאָנדאָנער קונסט־טעאַטערס“, ווערט אויסגעהאַלטן פון ווייטשעפּלער פּובליקום. עס טראָגט זיך און עס שטייט אויף די אייגענע פיס פון די וואָך־איין וואָך־אויסדיקע טעאַטער גייער.

## א שלח-מנות-ערינערונגל צו אברהם רייזינס 75-טן געבוירן יאר

אויף זיין באַזוך קיין סאָוויעט רוסלאַנד איז אברהם רייזין דורכגעפאָרן בערלין, האָט „קולטור קלוב“ געפּראַוועט אַ באַנקעט.

הערנדיק אַז רייזין איז אין בערלין אויף אַ טאָג־צוויי און אין ק.ק. איז מען דעם גרויסן דיכטער מקבל פּנים, האָב איך אַהינגעאיילט, אָבער מען האָט נאָר אַריינגעלאָזן אויסגעפּרוווטע פאַרטיי מיטגלידער. דורכן פענסטער האָט מיך

געזען אַלעקסאַנדער כאַשין, האָט ער מיר צוגעווינקן און אין אַ „פרייע מינוט" האָט ער אויפגעמאַכט אַ פענסטער און מיך אַריינגענומען.

ווער ווייסט, אפשר איז דאָס שוין געווען דער אָנהויב פון זיין „אַפּווייכן" די „ליניע" פאַרוואָס ער איז שפּעטער, ווי דער רעדאַקטאָר פונם „עמעס", ליק־ווידירט געוואָרן...

ביי די חברישע טאָאַסטן האָבן די „געגנאָסן" געהאַלטן אין איין טענות האָבן צו רייזינס קליינבירגערלעכן שאַפן, און „אַקטעוויסטן" פעלט ניט קיין חוצפּה, אַז זיי פילן זייער איבערמאַכט...

צי איז רייזין געזעסן סטאַטעטשנע, ווייל עס פּאַסט אַזוי פאַר אַ גאַסט, צי כאַשין פון איין זייט און דער „געגנאָסע" פאַרזיצער האָבן דאָס אים צוגעדריקט צום בענקל ווענטל, האָב איך דעם זאַץ אין טיש אַריין געמוזט געבן, אַזוי אַז די פולע טאָאַסט־גלעזער האָבן זיך איבערגעגאָסן און די גאָפּל־מעסער אויפגעשפּרונגען: תרבות! דרך ארץ פאַר אַ גרויסן פון דער יידישער ליטעראַטור!

רייזינס איבערגייענדיקע אויגן האָבן זיך אין מיר ברידערלעך איינגעשטאָכן און מיין הארץ האָט צו אים אַריבערגעצאַפּלט ווי אַ פלאַטקעלע — —

די נאַכט דעמאָלט ביז אין העלן טאָג אַריין האָבן מיר געפלאָנטערט פון איין קאַפע אַרויס און אין דער צווייטער אַריין. איך וועל אייביק יענע נאַכט נישט פאַרגעסן און רייזין געדענקט זי מסתמא אויך נאָך — אַזאַ נאַכט איז המשך, אין אַזאַ נאַכט איז אַן עלטערער מסמיך דעם יונגערן און דער יונגערער איז סומך דעם עלטערן, אין אַזאַ נאַכט איז מען זיך מוסר נישט נאָר וואָס מ'האָט מקבל געווען, נאָר מען איז זיך מוסר איינער צום צווייטן, מיט גלויבן און מיט צוגעבונדנקייט, און מיט ליבשאַפט פה אל פה.

ביים געזעגענען זיך, זאָגט רייזין צו מיר: שטענצל, איר מוזט אַרויפגיין צו מיר אין האָטעל אַריין.

איך קוק אים אָן, דאָס האָטעל־מיידל קוקט אונז בידע אָן — —

אַרויפקומענדיק עפנט אברהם רייזין זיין רייזע־קופער און נעמט אַרויס אַ תנ"ך: זעט איר, מיט דעם בוך פאָר איך נאָך מאָסקווע אויף דער איינלאַדונג פון דער סאָוויעטישער מלוכה — — מיט אונזער יידישן תנ"ך!

נישט נאָר רייזינס אויגן זיינען דעמאָלט פול געוואָרן מיט טרערן — — —

אין דעם באַגעגעניש מיינעם מיט אונזער אַלעמענס באַליבטן אברהם רייזין, האָב איך מיך דערמאָנט בשעת כ'האָב געלייענט גלאַטשטיינס אַרטיקל: „מאי קא משמע לן יידיש".

## דעם 75־יאָריקן אלפרעד וואלמארק

עס איז נישט קיין פראַגע ביי וועמען אַלפרעד וואָלמאַרק, דאָס וואַרשעווער יינגל, וועלכער האָט שוין מיט זעכציק יאָר צוריק געצייכנט מיט גרויס ערנסט זיינע ווייטשעפּלער טיפּן און היינט פירט ער נאָך זיין פּינזל, ווי אַ ווירטואָז דעם שמיציק איבערן פידל, אויסשפּילנדיק די גאַמעס פון זיינע פאַרבן־טענער, האָט געלערנט און פון וועמען ער איז באַאיינפלוסט. בכל אופן איז ער אַ מיט־שותף



מיט די גרויסע פונם אימפּרעסיאָניזם און מיט־עקספּערימענטירער פון אונזער צייט.

ער איז אַ מייסטער אין אַלע מיני מאַטיוון און ער איז אין דער היים אין אַלע פאַרמען; ער לייגט מיטן שפּאַכטל פאַרבן, און טיילט די קוואַדראַטן אין



אַלפרעד וואָלמאַרק זעלבסט־פּאָרטרעט

אין קאָליר־פלעכן; אַן איי אין גלעזל איז ביי אים אַזוי גרויס ווי וואָלקן־קראַצער. און אַן עלעגאַנטע פרוי אין אַן אימפּרעסיאָניסטיש שוואַרצן היטעלע און אַ רעאַ־ליסטישער ייד אין טלית און תפילין, טענצערינס אַלאַ־דעגאַ און בלומען אינם

טוי פון רענואַר — אויף אַלץ אָבער איז אויסגעגאָסן די פרייד פון אַלפרעד וואַל־מאַרק, תמיד דערלעבנדיק אַלצדינג ווי מיטן ערשטן בליק.

אין די יונגע יאָרן זיינע איז ער שוין געווען חושימדיק קלוג! און היינט, אין זיינע 80־ער יאָרן ליגט אויף אַלצדינג זיין ספּעציפיש וואַלמאַרק שמייכעלע; דער פּאַרק אין פּרילינג באַשטייט נישט פון בליענדיקע ביימער — עס איז די קינדלעכע פרייד פון „ברוך ה׳ יום יום״, און זיין שמייכעלע קנאָספּעט פון אַלע צווייגן אין דער אָפענער פרייער זון.

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך שעפערישע יונגע יאָרן און צו שטיין פריש ביי זיין אַרבעט, אַזוי ווי ער שטייט נאָך דעם היינטיקן טאָג.

## די יינגע מאַלערין איוואַ פראַנקפורטער

אַז די יונגיטשקע מאַלערין, איוואַ פראַנקפורטער, ווערט איצט נאָך אַנגעצויגן פון ווייטשעפּל, דאָ ביי אונז זיך צו באַזעצן און דאָ צו מאָלן אירע טיף־פאַרטראַכטע יידישע מאָטיוון; צו געפינען פאַר זיי די ריכטיקע אַטמאָספערע,



שמחת תורה איוואַ פראַנקפורטער



איצט ווען ווייטשעפּל איז שוין נישט מער די בליענדיקע וואָס געווען, — דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער צוזאָג פאַר איר קינסטלערישע צוקונפט און אַן עדות פון איר פאַרטיפטן טאַלענט.

דער יידישער ישוב דאָ איז טאַקע שוין אָפּגעבלאַקעוועט, האַלב חרוב, אָבער די שכינה שוועבט נאָך אַרום איבער די וויסטע פלעצער אַ קלאָגנדיקע, און ווער ווי אַ אינטואיטיווע קינסטלערין איז באַרופן אויפצוכאַפּן די טענער.

דער גאָרטן איז טאַקע שוין פאַרוועלקט, אָבער אַ פאַרבלאָנקעטע בין דער־פילט נאָך דעם האָניק־טראָפּ. זי ווערט אָנגעצויגן פון אים, אים אויסצוזויגן — מיר רעפּראָדוצירן גערן איינס פון אירע יידישע בילדער געמאָלן אין גאַל־דענע האָניק קאָלירן.

ש.

מ. ווילענסקי

## עטלעכע ווערטער וועגן פּרץ׳ן

(פון אַ פאַרטראָג)

שרייבן וועגן פּרץ׳ס ווערק, אָדער וועלן זאָגן וואָס ער איז געווען פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער יידישער שפּראַך, און צו וועלן געבן אַ בילד טאַקע וועגן אים אַליין, ווערט דער קאָפּ צעטומלט, און מ׳ווייסט נישט וועגן וואָס פריער צו טראַכטן, וואָס פריער צו באַוואונדערן. דערפאַר וועל איך מיך נישט אָפּשטעלן אויף קיין פּרטים, נאָר איך וועל זאָגן עטלעכע ווערטער אין כלל.

פּרץ איז געגליכן צו זיין פאָלק ישראל — מ׳קען וועגן אים אַ סך דערציילן. מ׳קען דערציילן וועגן זיין יוגנטלעך־פרישער האָפענונג, וואָס שיינט, ווי די זון אין פרילינג, פון זיין באַגייסטערונג און פון זיין אַרבעטס־קראַפט; מ׳קען אויך דערציילן פון זיין ביטערער דערפאַרונג, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך ווייטאָק — אָבער דוקא די ווייטאָק און שמערצן זיינע האָבן אים געלייטערט און צוגעגעבן פרישן מוט, און האָט אים דערהויבן.

ווער ס׳באַטראַכט די ענדערונגען און פאַרענדערונגען פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור און יידישער שפּראַך, ווי זיי קומען ווי אַ פליסנדיק וואַ־סער, באַלד בלאָטיק און שמוציק, באַלד גלאַנצנדיק און ריין, דער פאַרגעסט זיי קיינמאָל נישט. באַזונדער פאַרגעסט מען נישט דעם ריינעם און לויטערן שטראָם; ס׳איז ענלעך ווי איינער, וואָס באַקוקט אַ גרויסע שטאָט מיט אירע טויזנטער, פאַרשידענע געביידעס, מוז זען אויך דעם העכסטן און שענסטן טורעם, קודם, אידער ער זעט דאָס אַנדערע. און ווער ווייסט דאָס נישט, און וועמען דאַרף מען דאָס ערשט דערציילן, אַז פּרץ׳ס ליטעראַטור איז די שענ־סטע, און פּרץ דער העכסטער לייכט טורעם. פרעגט אַקאָרשט אַ ייד, וואָס יידיש האָט אויפצוווייזן אינם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און ער מוז קורץ ענטפערן, אָן לאַנגע ויכוחים, איין וואָרט — פּרץ. אין דעם איינעם וואָרט ליגט אַ וועלט, אַ וועלט מיט שמערצן, מיט געפילן, פערזענלעכע און אַלגעמיינע.

פּרץ איז געווען אַ יידישער דיכטער. דאָס הייסט, אַז ער האָט זיינע ווערק געשריבן אין יידיש, איבער יידישע טעמען, איבער יידישע טיפּן, אָבער דאָס

איז נאָר די כלי. דער אינהאַלט, די אידעען, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט, די געפילן, דער גייסט, דער תוך זיינען אַלגעמיינע, דער מוסר השכל קען דינען דער גאַנצער וועלט. פרץ האָט אין זיך געטראָגן דעם וועלט־שמערץ, אָבער ער האָט אים אויסגעדריקט אין אַ יידישער פאָרם, מיט יידישע געפילן, ווייל קיינער קען נישט אַרויסשפּרינגען פון זיין הויט און קיינער קען זיך נישט אָפּבינדן פון די קינדער פון דור דורות.

פרץ האָט געשריבן איבער אַלע וועלט־פּראָבלעמען און אין אַלע זיינע שריפטן דערקענט מען דעם יידישן גייסט. קיין שום מענטש, מעג ער אפילו זיין אַ גאון ווי פרץ, קען אין זייט נישט אַריבערשפּרינגען. מיט באַגייסטערונג האָט זיך פרץ צוגעכאַפּט צו דער אייראָפּעאישער קולטור, מיט זיין גאַנצער קראַפט, מיט זיין גאַנצן געפיל, אָבער דאָס יידישע געפיל האָט ער נישט געוואָלט פאַרלייקענען. אים האָט געעקלט פון יענע יידן, וואָס פאַרלייקענען זייער יידישקייט און קרומען נאָך פרעמדע פעלקער. אים איז ליבער געווען אַ ייד מיט באָרד און פאות, ווי יענע יידן, וואָס זיינען נישט אַהין און נישט אַהער.

פרץ איז אַ וועלט דיכטער מיט געפילן פון אַ ייד, מיט יידישע געפילן. מיר זען דאָס אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געשריבן. מיר שפּירן דאָס פון דעם אָטעם, וואָס שלאָגט פון זיינע ווערק. ער איז אַ שטיק פון אונז, אַ זון פון זיין פאָלק. דער גרעסטער שרייבער אין יידיש, דער גרעסטער טאַלאַנט ביים יידישן פאָלק.

---

## א באנקעט פאר באגרינדער פון א לאנדסמאנשאפט און א דערשינען בוך איבער זייער שטעטל

ביי שיינע, מיט בלומען באַצירטע טישן, האָט דער סקערניעוויצער און ראַוונער פאַראיין געפייערט זייערע גרינדער, שלמה לעמעל און יהודה ביעטש׳ס זיבציקסטן געבוירנטאָג.

דער פאָרזיצער ס. עלשטיין עפנט דעם באַנקעט און באַגריסט די בערך צוויי הונדערט געסט. ער דערקלערט אַז ביידע יובילאַרן, ביעטש און לעמל, זיינען אייגנטלעך ראַווער, אָבער דערפאַר זענען די פרויען ביידע סקערניעוויצער.

עס ווערן פאָרגעלייענט טעלעגראַמען און שריפטלעכע באַגריסונגען. י. ל. פיין האַלט אַ לענגערע רעדע איבער דער טעטיקייט פון די צוויי, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן שטאַרק פאַרנומענע יובילאַרן. אליהו פּאָלושאַק באַגריסט אין נאָמען פון „לשון און לעבן״. ער שילדערט די שווערע און מיפולע אַרבעט וואָס ביעטש האָט געלייסטעט, און אַז אויך לעמל געהערט איצט צום קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון״ און ער איז אויך דער פאָרזיצער פונם פ.פ.י.ל.־בראַנדז אין דער וועסט־ענד. בן־א. סאָכאַטשעווסקי שילדערט לעמלען אַלס דער כלל טוער מיט אַ סך פעלערן, אָבער ער האָט אויך גוטע זייטן. זיינע פעלערן זיינען אָבער אַלע געווען לשמה. ביי ביעטשן געפינט ער נישט וואָס אַרונטערצורייסן. ער איז אַ מענטש וואָס האָט אויפגעטאָן זייער אַ סך. ער ווינשט אַז



לאַנדסמאַנשאַפטן זאָלן אויפגעהאַלטן און אויסגעברייטערט ווערן לטובת דעם יידישן פאָלק. סאָלאָמאָן פּאָדאָלסקי ברענגט אַ טאָפּלטע באַגריסונג, פון ייוואָ און פון יידישן אַרבעטער הילפס פאַראיין. פרידלענדער באַגריסט די יובילאַרן אין נאָמען פון אַרבעטער רינג, בראַנטש 3.

דער סעקרעטאָר פון „יידיש לשון״, נחמן רובין, באַגריסט די יובילאַרן, נישט נאָר אַלס גרינדער פון סקערניעוויצער און ראַווער פאַראיין, נאָר ווי אונזערע מיטאַרבעטער; ביעטשן פאַר דער מיטגרינדונג פון „פריינט פון יידיש לשון״ און אויך פון „בן־אורי״; שלמה לעמל ווי דעם פאָרזיצער פון אונזער בראַנדזש פון דער וועסט־ענד. דאָס יידישע פאָלק קען נאָר באַשטיין ווען די יידישע קולטור וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען. ביילי באַגריסט ביעטשן אַלס דעם געטרייען מיטאַרבעטער און לעמלען אַלס דעם קריגער לשמה. דוד ביעטש ווינטשט די יובילאַרן אריכת ימים.

קיטי בראַון באַגריסט די פרויען פון די צוויי יובילאַרן און ווייזט אָן אַז די פרוי שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער מאַנס געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אברהם מאַסקאָו קען די יובילאַרן ניט נאָר פון דעם פאַראיין נאָר אויך פון אַ סך אַנדערע געזעלשאַפטן און ביידע זיינען טעטיק אויפן געביט פון יידיש קולטור. ער ווינטשט זיי צו פייערן דעם אַכציקסטן געבוירנטאָג.

א. נ. שטענצל זאָגט, אַז זיבעציק יאָר פאַרפליכטן, דאַרפן זיי ערשט איצט אָפּגעבן זייער טעטיקייט פאַר דער יידישער קולטור. באַזונדערס פאַרלאַנגט ער עס פון חבר ביעטש. מיט זיין בוך האָט ער פאַראייביקט זיין געבוירן שטעטל. ער שילדערט בילדלעך און לעבנסשטייגער פון קליינעם שטעטל.

עס באַגריסן נאָך לעמל יוניאָר, רייזינבאַך און פלאַנצער.

לעמל דאַנקט אַלעמען פאַר די ברכות און פאָדערט אויף ווייטער צו אַרבעטן לטובת די לאַנדסמאַנשאַפטן דאָ אין דעם לאַנד. זיי האַלטן נישט נאָר אויף די פריינדשאַפט נאָר העלפן צום עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

יהודה ביעטש זאָגט אין זיין באַגריסונג:

„ווען איך קוק זיך אַרום און זע די אַלע, וועלכע קומען פון דעם זעלבן שטעטל, דאָרט ווו מיר האָבן די ערשט טריט געשטעלט, אויפגענומען די קלאַנגען פון אונזער מאַמע־לשון און טאָקע שפּעטער אין דעם מאַמע־לשון געחלומט פון אַ גרויסער גאָלדענער צוקונפט פאַר די גאַנצע מענטשהייט, איז עס מערקווירדיק, וויפיל זאַכן עס שווימען אַרויף אויפן „רעיון״. זאַכן וועלכע זיינען געווען פאַרקניפּט מיט פיל יוגנטס חלומות צו געשטאַלטן אַ נייעם מענטש, אַ משיח, וועלכע זאָל טראָגן אין זיך די אמתע גאולה, פאַר דעם סאָציאַלן יושר.

„אָט די בענקשאַפט, וועלכע איז מיט אונז פאַרבליבן פאַר דעם נעכטן, פון אונזער היימישן שטעטל, וועלכעס ס׳איז היינט מער נישטאָ, וועלן די דערציילונגען אין מיין ביכל, זיין ווי אַ מצבה געשטאַלט, פון אַ דורותדיקן שטייגער לעבן, וועלכעס די היטלער רוצחים האָבן אומגעברייגגט.

„אַ סך וועלן אפשר זאָגן, אַז ס׳איז אפשר פאַראַן אַ ביסל טאַלאַנט אין דעם ביכל. אָבער איך ווייס נישט ווי צו מאַכן, אַז מען זאָל מיר מוחל זיין פאַר דעם

ביסעלע וואָס איך פאַרמאָג. אַלענפאַלס ווי די שטעלונג זאָל נישט זײַן, וועט עס בלײַבן ווי אַ שטיקל דערמאָנונג פון אַן אײַגנאַרטיקן לעבן".

צום שלוס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן אייניקע טוץ ביכער „שיידעוועגן" פון יהודה ביעטש, וואָס איז אַרויס אין פערלאַג „לשון און לעבן" מיט דער מיטהילף פונם ראָווער און סקערניעוויצער פאַראיין אין לאָנדאָן. יוסף אייז

## די גרופע פון פרייע יידישע סאָציאַליסטן אין ענגלאַנד האָבן

לעצטנס אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ פון דעלעגאַטן פון בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג און גלאַדענע קולטור אינסטיטוציעס, צו באַטראַכטן די מעגלעכקייטן פון שאַפן אַן עפּענטלעכע מיינונג וועגן אַנגעווייטיקטע סאָציאַלע פראַגן און קולטור־ענינים.

פאַרזיצער פונם אָוונט איז געווען דער גוט באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער סעם דרין. עס איז געפירט געוואָרן אַ לעבעדיקע דעבאַטע וועגן די אַלע פּראָבלעמען. אין דר דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט: מ. מינדעל, י. א. ליסקי, פרידלענדער, פרוי קעסלער א. אַ. מ. נ.

**אינם אַרטיקל**: „דריי שטעט, פינף ביכער" פון אליהו פאַלושאַק איבער הערץ בערגנערס „אַ שטאָט אין פוילן" זײַנען אַרײַנגעקומען די פאָלגנדיקע דרוק־פעלער, וועלכע מאַכן דעם אינהאַלט שווער־פאַרשטענדלעך:

אויף דער ערשטער שורה פון אויבן און דער דריט־לעצטער פון אונטן אויף זייט 42 שטייט „דער שנאה". עס דאַרף הייסן: „דער שנוי".

אויף זייט 43, שורה 10 איז געדרוקט: „אינם ראָמען פון אַ ראַמען". עס דאַרף הייסן: „אינם ראָמען פון אַ ראָמאַן".

אויף דער זעלבער זייט, שורה 17 דאַרף שטיין דער זאַץ: „אויך האָט ער געוואָלט זײַן אַ פּראָלעטאַריער צווישן פּראָלעטאַריער".

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

**שבת** דעם 1־טן מערץ: הומאָר און געזאַנג — „משנכנס אדר מרבים בשמחה"! די אַקטיאָרן מיני שערמאַן, מאַקס איצקאָוויטש און די זינגערין נינאַ לענאָווא.

**שבת** דעם 8־טן — די טראַדיציאָנעלע פורים פייערונג: דער אַקטיאָר איזידאָר בלעקער, אייזיק גאָלדבערג, י. פיין, נעט רובין, קיטי בראָון און מאַרקס קאָהען וועלן לייענען פורים הומאָרעסקעס. ראָזענפעלד, בלום און זאַלץ וועלן זינגען לידער.

**שבת** דעם 15־טן וועט מינדל האַלטן אַ פאָרטראָג איבער ישראל זאַנגוויל. אייזיק גאָלדבערג וועט לייענען פון זאַנגווילס ווערק.

**שבת** דעם 22־טן — די שרײַבערין נ. מ. סידאַ וועט האַלטן אַ וויכטיקן פאָרטראָג איבער ליטעראַטור.

**שבת** דעם 29 טן וועט י. א. ליסקי ריידן איבער דער טעמא: פאַקטן, פיקציע און קונסט.




וויכטיק פאַר יידישע צײַטונגען, זשורנאַלן שרײַבער און מחברים — מערקט אײַך אונזער נײַע אַדרעס: „לשון און לעבן", 17 דעלאַמאַרע בילדינג, לאָנדאָן, א.1.

---

**א גרויסער וואָרט קאָנצערט** קומט פאָר דעם 16־טן מערץ אין דער

**ווייטשעפל אַרט גאַלעריע**

דער גאַלאַ אָוונט פון יידישע דיכטער איז אַראַנזשירט פון אַ גרופע פרײַנט לכבוד דעם גוט באַקאַנטן יידישן שרײַבער י. א. ליסקי. גרויסע קינסטלער באַטייליקן זיך אינם פּראָגראַם. בילעטן בײַ דער קאַסע.

---

סוף חודש זונטאָגס

**בן אורי**, 14 פאָרטמען סטריט, וו.1.

**זונטאַג, דעם 30-טן מערץ**, 8 אזייגער

**מונדלאַק איבערן שאַפן פון ענגלישע יידן**

עס באַטייליקן זיך נאָך מ. מינדל און נעט רובין

פאַרזיץ: א. נ. שטענצל.

---

**ווייטשעפל לעבט...**

**דער אַלמאַנאַך פון „לשון און לעבן"**

עס באַטייליקן זיך אין אים 22 שרײַבער און פּאָעטן. 208 זײַטן. פּרײַז 10ש. 6פּ.

„שיידוועגן" — אַ בוך מיט 21 דערציילונגען פון **י. ביעטש** 10/6

צו באַקומען בײַ אונזער סעקרעטאַר און אין די יידישע ביכער געשעפטן אין ווייטשעפל.


---

## חבל על דאבדין ולא משתכחין

דער באַקאַנטער תלמיד־חכם און מחבר פון פיל ספרים, איינער פון די באַגרינדער און שטיצער פון דער טאָג־שול אין יידיש „יסודי התורה"

**רב יחיאל שווימער זצ"ל**

איז נפטר געוואָרן — חבל על דאבדין!

„לשון און לעבן".

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 4 (העפט 147) דרייצנטער יאָרגאַנג אַפּריל 1952 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט


אַ קרבן־פסח באַלאַדע; ביים ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די
דייטשן; צום 19־טן אַפּריל 1952 ........ ** 1
אַ סדר אָוונט אין מאַדריד ........ גדליה שטוצינער 4
מיין קינדס אַ בריוו (לידער) ........ רקודה פּאָטאַש 6
געדענק (מיין טאַטנס צוואה. פּאָעמע) ........ אברהם פנחס ציקערט 7
די סעם כהנ׳ס פאַרלאָזן ס׳קינאָ (דערציילונג) ........ ביטריס בעקערמאַן 9
ערב־פרילינג־לידער ........ א. נ. שטענצל 16
„משה זוך מיך" ........ משה עובד 20
משה, פון מיקל אַנדזשעלאָ (בילד) ........ 20
אים צי גראַד (אַ פרילינג און פסח באַלאַדע) ........ רחל דון־יחיא 24
בלעטלעך פון מיין שאַנבייער טאָגבוך ........ י. ראַפּאַפּאָרט 27
צום יאָרצייט פון די קדושים פון וואַרשעווער געטאָ (ליד) ........ י. ל. פּיין 31
צום טויט פון ס. פּאַלמע ........ יוסף הלל לעווי 33
ביים קבר פון מיין פריינט ס. פּאַלמע ע״ה ........ שמואל וווהייט 37
איך האָב אַ טאָכטער ........ י. ח. קלינגער 38
די שרייבער גרופּע „יונג ישראל" ........ אפרים טויבענהויז 40
אַ סך־הכל פון אַ קאָנצערט (אַ ביסל זעלבסט־קריטיק) ........ אליהו פּאַלושאַק 42
„שלשה עשר מי יודע" ........ ש. 45
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 47
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 48


**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר**


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

### ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Jewels by Sah* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

## IDEAL TRIMMINGS LTD.

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**


*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*